STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02234

80 FOLKS LIDER

Permanent preservation of this book was made possible
by Joel & Janet Cohen in honor of
all our children, Richard, Steven,
Nancy, Randi, David & their families

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

80
פאָלקס-לידער

פון זמרה זעליגפעלדס און מ. קיפּניסעס
קאָנצערט-רעפּערטואַר

געזאַמלט דורך
מ. קיפּניס.

צווייטע טייל.

פערלאַג א. גיטלין, וואַרשע.

ZBIÓR
80 PIEŚNI LUDOWYCH
M. Kipnisa

Wyd. E. Gitlina, Warszawa,
Kramy Nalewkowskie 1.

Printed in Poland

Drukarnia „Di Welt", Nowolipie 7.

אבטיילונג ו

ליבע-לידער

אויף דער זאַוואָדסקע.



I

אויף דער זאַוואַדסקע וואָהנט דאָך אַ פּאָוורוזשנע,
זי האָט מיר פּאָוורוזשעט און געטראָפען גיט;
אַז קיין יונגעל זאָל מען דאָך נישט גלויבען, } ביס
אַפילו ווען ער פאַלט פאַר דיינע טריט.

II

שפּאַצירען, שפּאַצירען, זענען מיר ביידע געגאַנגען,
אַלע מיינע חבר'טאָרינס זענען מיר מקנא געווען;
נאָר מיינס אַ חבר'טאָרין פלעגט מיר אימער זאָגען, } ביס
אַז ער ליבט אַ צווייטע, ער וועט מיט מיר נישט געהן.

III

שפּאַצירען, שפּאַצירען, זענען מיר ביידע געגאַנ"ן,
אין דרויסען האָט אויסגעזען, ווי אַ געדיכטער וואַלד;
אוי, וויפיל קוש דו האָסט מיר דאָרט געגעבען, } ביס
אַזויפיל הייסע טרערען אויף מיין געשטאַלט.

אין דרויסען מאַמעליו האָט זיך פאַרכמאַרעט.

Andante (לאנגזאם.)



I

אין דרויסען מאַמעליו האָט זיך פערכמארעט,
און אין שטוב איז פינסטער ווי א גריב; (בּיס)
דעם אמת ווייסטו, מיין טייער מאַמעליו,
אַז איך האָב אים אמת ליב. } בּיס

II

איך האָב אים ליב, איך האָב אים ליב,
איך קאָן אָהן אים נישט לעבען קיין איין מינוט; (בּיס)
און אַז איך זע אים נישט פאַר מיינע אייגעלאך
טריפען, טריפט זיך מיר טייכען בלוט. } בּיס

III

די לבנה שיינט, די לבנה שיינט
און אַרום איר שטערענדלאך גאָר פיין; (בּיס)
גרויסער גאָט, פאַרלעש דאָס ליכטעלע
זאָל עס ווי מיין מזל זיין. } בּיס

אוי, וועה, ווער סיזאָגט אַז אַליבע איז אַגליק



I

אוי, וועה, ווער סי זאָגט, אז אַ ליבע איז אַ גליוריק (גליק)
אוי, וועה אי מיר
אוי, אַ ליבע איז׳ ראָך אַנ׳אומגליק אויף דער וועלט,
אוי, אוי, אוי.
אַ ליבע איז אַ ווארע טשעוועכאָטעקע,
צוליב אַ ליבע געהן יונגע מעוועדאַלאַך פון דער וועלט

II

אוי, וועה, וואָלסטו געווען, אוי אַ יונגעל מיט
כאַוואראַקטער, אוי וועה אי מ ר.
אוי,וואָלסטו געזאָגט, אז אַ ליבע איז נישט גוט, אוי, אוי, אוי

וואַלסט אַוועקגעוואָרפען דיינע שלעכטע קאָוואַלעגעס
און וואַלסט אַרויפגעגאַנגען צו מיין מאַמעליו אין שטוב.

III

אוי, ווער, צו דיין מאַמעליו אין שטוב קאָן איך נישט
אַרויפקומען, אוי, ווער אי מיר.
אַז איך וועל זיך באַפרייען פון פאָוואָניען,
וועל איך פאָדערען, אוי, אַ שעוועגערע מיט נדן.

הושענא רבה איף דער גאַנצער וועלט.



הושענא־רבה, איף דער גאַנצער וועלט,
ווען די מיידעלאך געהען פון די פאַבריקען;
דרעהט זיך אַרום דער שעהנער הערמאַן,
זיין כלה טוט ער אויסקיקען.
ביס

ווי ער האָט זי דערזען פון דערווייטענס געהן,
אזוי איז ער דאָך געבליבען שטעהן:
„היינט איז געקומען די ליבע צייט
דו זאָלסט מיר זאָגען, צי יאָ צי—ניין״.
ביס

„יאָ צי ניין קאָן איך דיר נישט זאָגען,
ווייל מיינע עלטערען טוען מיר שטערען;
מיינע עלטערען זיי טוען מיר שטערען
איך זאָל פאַר דיר אַ כלה ווערען״.
ביס

אזוי ווי הערמאַן האָט דאָס דערהערט,
האָט עס אים שטאַרק פערדראָסען;
ער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער,
דבורה׳ן האָט ער דערשאָסען.
ביס

אזוי ווי ר׳האָט זי דערשאָסען,
אזוי איז ער דאָך געבליבען שטעהן;
ארויסגענומען האָט ער דעם רעוואָלווער } בי״ס
און האָט דערשאָסען זיך אליין.

קומט אהער דבורה׳ס חבר׳טאָריִנס,
און נעמט ענק אָפּ א ראיה:
איר האָט געזאָלט געהן צו דבורה׳ס חתונה, } בי״ס
איצט וועט איר געהן צו איר לויה.

זיץ איך מיר אויפן בענקעלע.



זיץ איך מיר אויפ'ן בענקעלע
און פערפלעכט מיר מיינע צעפעלאך;
געהט פערביי אוי א שניידער-יונג
און זאָגט, אַז איך בין נישט ערלאך.

ער זאָגט, אַז ס'איז טינט,
איך זאָג, אַז ס'איז פענעס;
ער זאָגט, אַז ער האָט מיך ליב
און איך זאָג, אַז ס'איז נישט אמת

זיץ איך מיר אויפ'ן פענסטער'ל
און פערקאם אויף מיינע הערעלאך;
געהט פערביי, אוי, א שוסטער-יונג
און זאָגט, אַז איך בין נישט ערלאך.

ער זאָגט, אַז ס'איז אש,
און איך זאָג, אַז ס'איז קוילען;
ער זאָגט, אַז ער וועט מיך נעמען,
און איך זאָג, ער וועט נישט פועל'ן.

וואו ביזטו געוועזן?



וואו ביזטו געוועזן,
אז געלד איז געוועזן
און דער נדן איז געלעגען אויפ'ן טיש?
היינט ביזטו דאָ,
אז קיין געלד איז נישטאָ
און דאָס לעבען איז געוואָרען אזוי מיאוס.
טרא לא לא.

II

וואו ביזטו געווען,
אז יוגענד איז געווען
און דאָס לעבען איז געוועזן צוקער-זיס!
היינט ביזטו דאָ,
אז די האָר זײַנען גראָה
און דאָס לעבען איז געוואָרען אַזוי מיאוס.
טרא לא לא

III

וואו ביזטו געווען,
אז יוגענד איז געווען,
דאָס הארץ האָט מיט ליבע געברענט!
היינט ביזטו דא,
אז דער קאָפּ איז שוין גראָה
און עס ציטערען ביי מיר שוין די הענד.
טרא לא לא.

אוי, מאַמע, מאַמע!

Andante. (פאָלקסליד.)



מאַמע, מאַמע, מאַמע,
איך פאַל, איך פאַל, איך פאַל;
איך האָב געפירט אַ ליבע, } ביס
איך עס מיר אויס מיין גאַל.

II

איך עס מיר אויס מיין גאַל,
איך עס מיר אויס מיין לונג;
איך האָב געפירט אַ ליבע } ביס
מיט אַ שניידער-יונג.

III

מיט אַ שניידער-יונג,
האָלט זיך געווען כדאַי;
ווי-זשע וואָלט גערעדט געווען, } ביס
אז ער זאָל מיר זיין געטריי.

IV

מיט אַ שניידער-יונג,
עס זאָל כאָטש זיין כדאַי;
מ מע-לעבען קרוינע, } ביס
איך בין דאָך שוין פאַרביי.

ביזטו מיט מיר בּרוגז.



I

ביזטו מיט מיר ברוגז,
ווייס איך נישט פארוואָס;
געהסט א גאַנצען טאָג ארום
אראָבגעלאָזט דעם נאָז. טא דא רא...

II

אפשר ווילסטו וויסען,
אז איך האָב דיך ליב;
לאָמירביידע אריבערפאָרען
צו דעם גוטען איד טא דא רא...

III

צו א גוטען אידען,
א פדיון אים אָבגעבען;
זאל ער פאַר אונז גאָט בעטען
אויף א גוט לעבען. טא

IV

אוי, דער גוטער איד,
ער וועט דאך אונז בענשען,

אז מיר זאָלען בייד פון היינט אָן
ווייטער זיין מענשען. טא דא רא...

V

און, אז מיר וועלען פאָרען
צוריק פון גוטען איד,
וועלען מיר ביידע אריבערפאָרען
אין זעלווע אויפ'ן יאריד. טא דא רא...

VI

דאָרט וועל איך דיר קויפען
א זייגער און א קייט
און א גרויסע שעהנע שטיק
זיידענס אויף א קלייד טא דא רא...

VII

טאָ זיי זשע מער ניט ברוגז
און גרייט אויף גיך צום טיש,
און זעץ זיך מיט מיר עסען,
באקומסטו פון מיר א קיש. טא דא רי

ער זעצט זיך אַנידער.



I

ער זעצט זיך אַנידער צו איר אויפ'ן בעט,
ער יט איר אַ קוש ער גיט איר אַ גלעט;
ער זאָגט איר: דבורה־לעבע, דו ביזט דאָך מיין,
שווערען, שווער איך דיר ביי מיין לעבען, ס'וועט דיר
גאָרנישט זיין.

II

מיידעלאַך ווערען צוקערלאַך נאַשען,
, איך וועל מוזעןווינדעלאַך וואַשען;
אוי ווה, מאַמעליו, ווה איז מיר און ווינד!
וואָס וועל איך טון, אז איך וועל האָבען אַ קליין קינד?

אונזער ליבע איז געשלאָסען געוואָרען.



I

אונזער ליבע איז געשלאָסען געוואָרען געוואָרען,
אזוי ווי אַן אייזערנע בריק; (ביס)
און איצט, מיין טייערער, ליבסטער
איז גאָרנישט געוואָרען פון גליק. } ביס

II

זיץ איך מיר ביי מיינעם פענסטער, פענסטער,
און זינג מיר א טרויעריגע לידי (ביס)
צען כלות זאָלסטו האָבען
און צו מיר זאָלסטו זיך אומקערען צוריק. } ביס

III

געדענקסטו: מיר זענען געגאנגען, געגאנגען,
אַרום און אַרומעט בולוואַר; (ביס)
און איצט, מיין טייערער, ליבסטער,
בין איך געבליבען צום נאר } ביס

IV

שפּאַצירען זענען מיר ביידע געגאַנגען, געגאַנגען,
אַרום יענעם און יענעם ט״ייך; (בּיס)
דו האָסט דאָך מיר אַלץ פערשפּראָכען,
איצט זענען דיינע רייד נישט גלייך. } בּיס

V

שפּאַצירען זענען מיר ביידע געגאַנגען, געגאַנגען,
געגאַנגען איז דעמאָלט אַ שניי; (בּיס)
און איצט איז מיר מיין לעבען
געוואָרען ווינד און וועה. } בּיס

VI

קיין זאַך וואָלט מיר נישט געווען צו שווער, צו שווער,
זיבען ים׳ען צו שווימען פאַר דיר; (בּיס)
דושעניו, בעטען דיך, בעט איך:
דו זאָלסט נישט פערגעסען אָן מיר. } בּיס

VII

און אויב דו ווילסט מיט אַ צווייטער שפּאַצירען, ש... ען,
געהן, זאָלסטו געהן פאַרביי מיין גרוב; (בּיס)
בּלומען וועלען דאָרט שפּראָצען,
דערמאַנען זאָלסטו מיך מיט אַ טרער! } בּיס

בײ אַ טײכעלע.



I

בײ אַ טײכאַלע װאַקסט אַ בױמאַלע,
װאָ סען אױף אירע צװײגען
מיט אַלעמען רעדסטו,
מיט אַלעמען ביזטו פרײנדליך,
נאָר מיך הײסטו שװײגען!

I

בײ אַ טײכאַלע װאַקסט אַ בױמאַלע
װאַקסען אױף אים בלומען;
פרעג איך דיר, ליבסטער,
װען װעסטו קומען,
װעסטו שױן אַמאָל קומען!

III

בײ אַ טײכאַלע װאַקסט אַ בױמאַלע,
װאַקסען אױף איר בלעטער;
אױ, פרעג איך דיר, ליבסטער,
װען װעסטו קומען,
פלעגסט אַלץ אָב אױף שפּעטער...

ביס

דו זאָלסט נישט געהן מיט קיין פּאַטשעאָווער מעדעלאַך.



I

דו זאָלסט נישט געהן מיט קיין פּאַטשייאָווער מיידאלאַך,
דו זאָלסט נאָר געהן מיט מיר;
דו זאָלסט נישט געהן צו דיין מאַמעליו אין שטיבאלע,
נאָר קומען זאָלסטו צו מיר.

טראלאַ לאַ א. א. וו.

II

וואו איז דאָס געסאַלע, וואו איז דאָס שטיבאַלע?
וואו איז דאָס יונגאַלע, וואָס איך האָב ליב?
— נישטאָ דאָס געסאַלע, נישטאָ שוין דאָס שטיבאַלע,
נישטאָ שוין דאָס יונגאַלע, וואָס איך ליב.
טראַלאַ לאַ א. א. וו.

III

אַ ליבע פאַנגט זיך אָן פון אַ שמייכעל,
פון אַ שמייכעל ביז צו אַ קוש;
עס נעמט אוועק ביים קלוגסטען דעם שכל,
דאָס קלוגסטע מיידעל מאַכט דאָס צו נישט.
טראַלאַ לאַ א. א. וו.

אוי, וועה, טאָכטער, ס'איז שוין צען אַזייגער.



I

אוי, וועה, טאָכטער,
ס'איז שוין צען אַ זייגער; } בי"ס
ס'איז שוין צען אַ זייגער,
געה אין שטוב אריין
און זאָל זיך דיר אויסווייזען:
דו ביזט מיט אים געגאַן.

II

— אוי, וועה, מאַמע,
סע'ברענט אין מיר אַ פייער,
דעם וואָס איך האָב אמת ליב,
אוי, דער איז ביי מיר טייער;
אוי, דעם וואָס איך האָב אמת ליב,
אוי, דעם ווער איך אָן;
אוי, דעם וואָס איך האָב אמת פיינט,
צו דעם, אוי, קום איך אָן.

לאָמיר בײדע אַ ליבע פירען.

Andante. (נישט גיך)



I

לאָמיר בײדע אַ ליבע פירען,
לאָמיר בײדע זײן פון גאָט אַ פּאָר; (ביס)
שווערען שווער איך דיר בײ גאָט און בײ מענטשען,
אַז וואַרטען וועל איך אויף דיר צוויי-דריי יאָר. } ביס

II

צוויי-דריי יאָר וועל איך אויף דיר וואַרטען,
אפילו פינף יאָר איז מיר אויכעט כּדאַי; (ביס)
געלד איז פאָלק אַריין וועל איך דיר שיקען
און איך וועל מיך מוטשען בײ דער שנײדערײ. } ביס

III

גנב'ע דיך אַרויס פון דײנע עלטערען,
און קום צו מיר אין וואַגזאַל אַרײן; (ביס)
אָבגעזעגענט זיך און אָבגעקושט זיך
און גלײך אין וואַגאָן אַרײן. } ביס

IV

דער פּאָטשאָנג*), מאַמעליו, איז שוין לאַנג אָבגעגאַנגען,
ביי יעדער סטאַציע בלייבּט ער שטעהן; (ביס)
ווען איך דערמאַן זיך אין מיין טייער לעבּען, } ביס
טו איך מער ניִשט נאָר קלאָג און וויין.

*) דער צוג

אבטיילונג II

לידער פון לעבן

דאָס רעגענד'ל.



1

כ'האָב געהאַט אַ מאַמעניו,
האָט זי מיר געזאָגט: „מײַן קינד!
זיי נאָר גוט און פרום, און ווייס
מער קיין חכמות ניט".
רעגען, רעגען, רעגענדעלע!
כ'בין אַ קליינער מענשעלע!
כ'לאָז זיך מיך בערעגענען,
כ'ווייס קיין חכמות ניט.

2

כ'האָב געהאַט אַ טאַטעניו,
האָט ער מיר געלערנט
אלף־בית אויף אויסווייניג
און מער קיין חכמות ניט.
רעגען, רעגען א. ז. וו.

III

כ'האָב געהאַט אַ רביניו,
האָט ער מיך אויסגעלערנט
סיד, חומש, רשי
און מער קיין חכמות ניט.
רעגען, רעגען א. ז. וו.

IV

כ'האָב געהאַט אַ שדכנ'דעל,
אַ וואוילער מענש איז ער געווען,
האָט ער מיר געבראַכט אַ ווייב,
וואָס ווייסט קיין חכמות ניט.
רעגען, רעגען א. ז. וו.

א מאָל איז געוועזן א אידעלע.



א מאָל איז געווען א אידעלע,
א אידעלע,
א אידעלע.

האָט ער געהאַט א ווייבעלע,
א ווייבעלע,
א ווייבעלע.

האָבן זיי געהאַט א קדיש'ל
א קדיש'ל,
א קדיש'ל.

איז דאָס קדיש'ל געשטאָרבען,
געשטאָרבען,
געשטאָרבען.

בעת כ׳האב אנגעהויבען אין חדר צוגעהן.



בעת כ׳האָב אָנגעהויבען איז חדר צו געהן,
האָט מיר דער רבי צוגעזאָגט אַ פויגאַלע געבען;
די פויגאַלע איז באַלד, ווי אַ חלום פערפלויגען,
און די פויגאַלע האָט זיך באַלד פאַר אַ קאַנטשיק
פערשטעלט;
און די פויגאַלע האָט מיר באַלד געעפענט די אויגען,
און די פויגאַלע האָט מיר געוויזען, וואָס אַ רבי איז
אויף דער וועלט

קום אהער־זשע מייז קינד,
קום אהער־זשע מיין לעבן,
איך וועל דאָך דיר
א פויגאלע געבען!

II

און בעת כ'האָב אָנגעהויבען חומש צו לערנען,
האָט מיר דער רבי צוגעזאָגט א זייגער'ל געבן:
דאָס זייגער'ל איז באַלד, ווי א חלום פערפלויגען,
און דאָס זייגער'ל האָט זיך באַלד פאַר א קאַנטשיק פערשטעלט:
און דער קאַנטשיק האָט מיר באַלד געעפענט די אויגען,
און דער קאַנטשיק האָט מיר געוויזען, וואָס א רבי איז אויף דער וועלט.

קום אהער־זשע מיין קינד,
קום אהער־זשע מיין לעבען,
איך וועל דאָך דיר
א זייגער'ל געבן.

III

און בעת כ'האָב אָנגעהויבען תפילין צו לייגען,
האָט מיר דער רבי צוגעזאָגט א כלה'לע געבען:
די כלה'לע איז באַלד, ווי א חלום פערפלויגען,
און די כלה'לע האָט זיך באַלד פאַר א ווייב פערשטעלט:
און די ווייב האָט מיר באַלד געעפענט די אויגען
און די ווייב האָט מיר באַלד געוויזען, וואָס א רבי איז אויף דער וועלט.

קום אהער־זשע מיין קינד,
קום אהער־זשע מיין לעבען,
איך וועל דאָך דיר
א כלה'לע געבען.

בין איך מיר אַ שניידערל.



I

בין איך מיר אַ שניידער׳ל (ביס)
לעב איך מיר טאָג-אויס, טאָג-איין,
לוסטיג, פריילאך, פיין.

— זאָג מיר שניידער׳ל,
ליבינקער און גוטער,
גיט דיר די נאָדעל
גענוג אויף ברויט מיט פוטער?

— איך מאַך אַ וואָך,
צוויי גילדען מיט אַ דרייער;
איך עס נאָר ברויט,
ווייל פוטער איז צו טייער.

II

בין איך מיר א שוסטער'ל, (ביס)
לעב איך מיר טאָג־אויס, טאָג־איין,
לוסטיג, פריילאך, פיין.

— זאָג מיר שוסטער'ל,
האָסטו וואָס צו קייען?
פעלט דיר אויסעט,
קריגסטו וואו צו לייען?

— קיינער לייט נישט,
קיינער גיט קיין ערבות;
איך ביז א שוסטער
געה איך טאקי באָרוועס.

II

בין איך מיר א קרעמער'ל (ביס)
לעב איך מיר טאָג־אויס טאָג־איין,
לוסטיג, פריילאך, פיין.

— זאָג מיר קרעמער'ל,
האָסטו מיט וואָס צו האנדלען?
האָסטו אין קרעמעל,
ראָזינקעס מיט מאנדלען?

— איך האָב אין קרעמעל
פאר צווי גראָשען סחורה;
איך שלעפ דעם דלות
און איך בענש דעם בורא.

בּייט זשע מיר אויס אַ 25 ער.



(אַ מחותּנת׳טע אויף דער חתונה

I

בּייט=זשע מיר אויס אַ פינפאונצוואַנציגער,
אויף סאַמע ראָדנע דרייער;
און שפּילט=זשע מיר קלעזמאָרעמלאַך,
אַ לידעלע אַ טייער.

ראָמטשירימטשי, ראָמטשירימטשי
ראָמטשירימטשי, ראָמטשיראָי } בּיס

II

בּייט=זשע מיר אויס אַ פינפאונצוואַנציגער,
אויף סאַמע ראָדנע פירער;

און שפּילט־זשע מיר קלעזמאָרעמלאַך
דאָס זעלביגע וואָס פריִרער.
ראָמטשירימטשי, א. א. וו.

III

און בייט־זשע מיר אויס אַ פינפאונצוואַנציגער,
אויף סאַמע ראָדנע צענער;
און שפּילט־זשע מיר קלעזמאָרעמלאַך,
דאָס זעלביגע נאָך שענער.
ראָמטשירימטשי, א. א. וו.

IV

און בייט־זשע מיר אויס אַ פינפאונצוואַנציגער,
אויף סאַמע אימפעריאַלען;
איך וועל בעטען די קלעזמאָרעמלאַך,
זיי זאָלען זיך נישט איילען!
(זינגט און טאַנצט לאַנגזאַם דעם צושפּיל:)
ראָמטשירימטשי, א. ז. וו.

שרה'לע דושענקע.



(קינדער־ל.ד)

שרה'לע, דושענקע,
שעהן ביזטו ווי א בלום,
און צו דיין שעהנקייט,
זאלסטו זיין פרום.

פרום זאלסטו זיין,
און פרום זאל זיין דיין דעה.

ווי שרה ווי רבקה,
ווי רחל און ווי לאה.

פון גאנצען הארצען גיין איך דיר
נאָר דערביי צו שטעהן,
אז מיט א גוטען התנ'דעל
צו דער חופה געהן.

און אז איך וועל דערלעבען,
טו איך מיר א נדר:
דריי סטאַקאַנעס משקה-וואסער,
אויסצוטרינקען כסדר.

דאָס לידל האָט מיר געזונגען אלטער קאצינע. ער האָט דאָס געהערט זינגען א קליין מיידעלע פון 5 יאָר, שפּילענדיג זיך אין דרויסען. נישט קענענדיג רעדען איז ביי איר דאָס לידל ארויסגעקומען:

ויעיע, אויינשע, טיין א דו א בום,
און ע דיינע טיינטא יאָטע דיינע פום.
פום יאָטע דיי און דוד דאָ דיין א דייע,
א טוע א זוטע א יאָקיע או ע ייע.

אנע דאנע דינע דיר, נא עביי א טיי,
אי מיט א אוטע אָטעיי טו א אופא דיי.
אי א וועע א לעבע, טו אי זא א ניידע:
דאי טאקאנע מאטע וואטע אָי טו טינטע טידע.

און מיט שוועריגקייט האָט ער פון שלעכטען טעקסט דעם ריכטיגען ארויסבעקומען.

רבונו שׁל עולם, כ'האָב צו דיר אַ טענה.



(אַ ליד פון אַ קינדערלאָזען)

I.

רבונו של עולם, כ'האָב צו דיר אַ טענה,
נאָר ס'זאָל דיר חלילה נישט פאַרדריסען;
פאַרנעם מיין געבעט, די טרערען מיינע,
זאָלסט מיר אָן קינדער אין קבר נישט פאַרשליסען.

שטאַרבען וועלען מיר, ווי די שטיינער,
די וועלט וועט מיט אונז קלינגען;
ירשענען וועט אונז נישט קיינער,
קדישים וועלען מיר מוזען דינגען.

II

פיִנסטער און ביִטער איז מיר מיין וועלט,
עס ציטערט אין מיִר יעדער אבר;
וואָס קומט מיר אַרויס מיין פיִל געלד,
ציִ וועל איִך דאָס מיטנעמען איִן קבר.

איִך ביִן אויסגעפאָרען דיִ גאַנצע וועלט,
איִך ביִן אויסגעווען ביי אַלע גוטע איִדען;
כ'האָב ניִשט געקאַרגט קיין געזונד, קיין געלד,
ציִ קאָן איִך דען אַזוי זיין צופריִדען.

ביי דעם שטעטעל שטעהט אַ שטיבעל

Moderato. (בעוועגט)



(קינדער-ליד)

I

ביי דעם שטעטעל, שטעהט אַ שטיבעל
מיט אַ קליינעם דאַך; (ביס)
און אַרום דעם שטיבעלע וואַקסען } ביס
בוימעלאַך אַ סך.

II

און דער טאַטע מיט דער מאַמע,
חנה׳לע מיט מיר, (ביס)
שוין אַ לאַנגע צייט אינאיינעם } ביס
וואָהנען אַלע פיר.

III

און דער טאַטע אַרבייט, אַרבייט
אַלע יאָהרען זיינע, (ביס)

און ער קויפט אונז און ער ברענגט אונז
זאכען שעהנע, פיינע. } ביס

IV

קויפט א פערד'ל, וואס סי הירזשעט,
מיט דעם נאמען מוציק; (ביס)
קויפט א הונט'ל, וואס סי הצווקעט,
מיט דעם נאמען צוציק. } ביס

V

קויפט א גאנז מיט א ווייסען האלז,
פעדערלאך ווייס ווי שניי; (ביס)
קויפט א הוהן, וואס קוואקעט, קוואקעט
ביז זי לייגט אנ'איי. } ביס

VI

נעמט די מאמע אט די אייער,
אוי, איז דאס א מופת; (ביס)
זעצט זי אויף, אויף זיי א קוואקע,
האבען מיר שעהנע עופות. } ביס

זיץ איך מיר אין טאַטענס גאָרטען.





(באַלאַדענאַרטיג)

I

זיץ איך מיר אין טאַטענס גאָרטען,
שפיל איך מיר, שפיל אין קאָרטען,
קומט אריין אַנ׳אַלטער מאַן } ב״פ
אין ווייסע קליידער אָנגעטון.
— אַ גוטער מאָרגען טאָכטערשע!
— אַ גוטער יאָהר זיידעשע!
— איך בין נישט געקומען נאָך דיין גוט יאָהר,
איך בין געקומען צושיידען די פּאָר.
איך בין נישט געקומען נאָך דיין גוט יאָהר,
איך בין געקומען נאָך דיינע יונגע יאָהר.

II

רופט אריין מיין טאַטע-מאַמע,
אפשר וועט מיר גרינגער ווערען;
די טאַטע מאַמע עפנען-אויף די טיר: } ב״פ
— געטרייע טאָכטער, וואָס איז מיט דיר?
— אָ, אַלטער זיידע, לאָמיך לעבען,
נישט צוליב מיר, נאָר צוליב די עלטערענסוועגען;
די עלטערען האָבען מיך זעהר ליב, } ב״פ
זיי וואָלטען אוועקגעגעבען אַ גאָלדענע שטוב.

— אַ גאָלדענע שטוב זי בלייבט ליגען,
ווען מען וועט דאַרפען וועט מען עס קריגען;
אַ גאָלדענע שטוב זי בלייבט שטעהן,
כ בין נאָך דיר געקומען, דו מוזט מיט מיר געהן. } ביס

III

רופט אַריין מיין שוועסטער און ברודער,
אפשר וועט מיר גרינגער ווערען;
די שוועסטער און ברודער זיי עפנען־אויף
די טיר: } ביס
— געטרייע שוועסטער, וואָס איז מיט דיר?
— אַלטער זיידע לאָמיך לעבען,
נישט צוליב מיר, צוליב מיין שוועסטער
און ברודער וועגען.
די שוועסטער און ברודער, האָבען מיך
זעהר ליב } ביס
זיי וואָלטען אוועקגעגעבען אַ קינד אין וויג.
— אַ קינד אין וויג בלייבט אין וויגען,
ווען מען וועט עס דאַרפען, וועט מען דאָס קריגען;
אַ קינד אין וויג, זי בלייבט שטעהן,
איך בין נאָך דיר געקומען, דו מוזט מיט
מיר געהן. } ביס

IV

רופט'ס אַריין מיין חתן לעבען,
אפשר וועט מיר גרינגער ווערען.
זוי ווי דער חתן עפענט אויף די טיר:
— געטרייע כלה, איך בין פאַר דיר!
— אַלטער זיידע לאָמיך לעבן,
נישט צוליב מיר, צוליב מיין חתנ'ס וועגען.
דער חתן די כלה, האָט זעהר געוואָלט,
ער האָלט אוועקגעגעבען פערעל און גאָלד } ביס

פערעל, גאָלד זיי בלייבען ליגען,
דיין חתן וועט אנ׳אנדערע כלה קריגען;
פערל, גאָלד, זיי בלייבען שטעהן
איך בין נאָך דיר געקומען, דו מוזט מיט מיר געהן } ביס

V

אדיע, אדיע מאַמעניו,
צינד שוין אָן צוויי ליכטעניו!
אדיע, אדיע, אוי
דער מלאך המות נעמט מיך שוין!...

אבטיילונג III

טיש־ און טרינק־לידער.

מיר זענען ניכטער.



מיר זענען ניכטער,
מיר זענען ניכטער,
טרוקען איז ביי אונז אין האלז!
גיט א ביסעל משקה,
גיט א ביסעל משקה,
וועלען מיר זינגען באלד!

בּיס

דאס ליד ווערט דאס רוב געזונגען באלד ווי מען זעצט זיך ארום די טיש אויף א אידישער שמחה אדער באנקעט, איידער מען נעמט נאך עפעס אין מויל אריין און דאס ליד שאפט באלד א פרעהליכע שטימונג. דאס ליד ווערט איבער׳געחזר׳ט אהן א סוף און דאס ווייטער מיט מעהר עקסטאז און עס לאזט זיך לייכט פון די טיש-זינגער צוצופאסען א צווייטע שטימע, צו ס׳זאל ווערען א דועט.

עפענט רביצין, חסידים גהען.



עפענט רביצין, חסידים געהען,
חסידים געהען.
ווילען זיך פרעהען.

חסידים געהען
אין פאַנטאָפעל;
— זיי ווערען דאָך צוגנב׳נען
די זילבערנע לעפעל...

בּיס

רביצין, רביצין
האָט קיין מוֹרא! | ביס
חסידים געהען לערנען תּורה.

איינער שרייט אויס: דער רבי וועט! און אלע לאָזן אונטער ביים התלהבות:

לאָמיר אַלע אינאיינעם, דעם רבין מקבל פּנים זיין.



לאָמיר אלע, אלע אינאיינעם,
דעם רבי'ן מקבל פּנים זיין;
לאָמיר אלע אינאיינעם (ביס)
דעם רבי'ן משׂמח זיין;
לאָמיר אלע, אלע אינאיינעם (ביס)
טרינקען א גלעזעלע וויין.

דאס פּאָפּולערסטע לידל אויף א שמחה ביי אויסנעמען א גאסט, אָדער אויף א באַנקעט לכבוד א בעל-שמחה. וואו אָנשטאָט „דעם רבין מקבל פּנים זיין" זינגט מען דעם נאָמען פון בעל-שמחה.

שא, שטיל, מאַכט נישט קיין גערודער.

Andante. (פאַמעליך אין חסידיש)



שאַ, שטיל, מאַכט נישט קיין גערודער,
דער רבי גערט שוין טאַנצען ווידע ;
שאַ, שטיל, מאַכט נישט קיין געוואַלד,
דער רבי געהט שוין טאַנצען באַלד.

און אַז דער רבי טאַנצט,
טאַנצען מיט די ווענד,
לאָמיר אַלע פּליעסקען מיט די הענד.
שאַ, שטיל א. ז. ח.

II

און אַז דער רבי טאַנצט,
טאַנצט דאָך מיט דער טיש,
לאָמיר אַלע קלאַפּען מיט די פיס.
שאַ, שטיל א. אַ. ח.

III

און אַז דער רבי זינגט
דעם הייליגען ניגון,
בלייבט דער שטן אַ טויטער ליגען.
שאַ, שטיל א. אַ. ח.

מיר זאָגען דער בעל הַבית׳טע.



מיר זאָגען דער באַלעבוסטע:
גיט אונז עפעס עסען;
זי דרעהט זיך, זי דרעהט זיך,
זי מיינט מיר האָבען פערגעסען.

געוואַלד צו שרייען, אוי וועה צו אונזער יאָהרען,
צו וואָס האָבען מיר געדארפט פון דער היים
אוועקצופאָהרען.

II

מיר זאָגען דער באַלעבוסטע:
גיט אונז כאָטש טויגלאַך;
זי דרעהט זיך, זי דרעהט זיך,
זי מאַכט זיך א ביסעל טויבלאַך.
אָ, גוואלד צו שרייען א. א. וו.

די באַלעבוסטע זאָגט אונז:

„עסט קינדערלאַך צו זאַט".
און אין האַרצען טראַכט זי:
„מע פרעסט ווי א סאָלדאַט".

אָי, גוואַלד צו שרייען א. א. ח.

---

* ליד פון ישיבה'ניקעס וואָס פלעגן עסן טעג.

באַלעבוסטע זיסינקע.



באַלעבוסטע זיסינקע, זיסינקע, זיסע באַלעבוסטע,
באַלעבוסטע זיסינקע, זיסינקע באַלעבוסטע!
באַלעבוסטע זיסינקע,
באַלעבוסטע זיסינקע,
באַלעבוסטע זיסינקע,
זיסינקע באַלעבוסטע!
באַלעבוסטינקע זיסינקע, זיסע באַלעבוסטע,
באַלעבוסטינקע, זיסינקע אוגערקעלאַך.

II

באַלעבוסטע פרישינקע א. א. וו.
פרישינקע בולקעלאַך.

III

באַלעבוסטע צאַפּעלדיגע א. א. וו.
צאַפּעלדיגע פישעלאַך.

IV

באַלעבוסטע פעטינקע א. א. וו.
פעטינקע יאיכעלאַך.

V

באַלעבוסטע הייסינקע, א. א. וו.
הייסינקע קאַרטאָפלעלאַך...

צו דעם פאָלקס לידל האָט שלום עליכם מיר געזונגען פיעל פאָלקסטימליכע צוויי-דייטענדיגע חניפה און ליב-ווערטער פאַר דער באַלעבוסטע. לידער האָב איך נישט אַלע פאַרצייכענט און מעגליך אַז שלום-עליכם אַליין האָט זיי אויך נישט פאַרצייכענט.

די משקה.



איך וועל דיך, משקה, עהרליך האלטען, } ביס
כ'וועל שטעהן פאר דיר, ווי פאר אנ'אלטען;
איך וועל דיך עהרליך האלטען משקה,
ווייל איך דארף אין דיינער לאסקע.

טרא, לא-לא, לא-לא, לא-לא,
טרא-לא, לא-לא, לא-לא, לא-לא;
טרא, לא-לא, לא-לא, לא-לא,
טרא-לא, לא-לא, לא!

II

בשעת דער שדכן איז געקומען צו מיין זיידען,
דעם טאטען מיט דער מאמע א שידוך רעדען,
האט מען גערעדט און גערעדט אומזיסט,
ביז דאס גלעזעל משקה האט זיך אריינגעמישט.
צוליב דער משקה איז דער שידוך געשלאסען,
דער טאטע איז געווארען דער מאמעס התן.

טרא לא-לא א. ז. וו.

III

מ'האָט טאַקי באַלד די חתונה געמאַכט
און געטרונקען משקה אַ גאַנצע נאַכט;
מיט גרויסע גלעזער האָבן געטרונקען אַלע,
לכבוד דעם חתן און לכבוד דער כלה.
דורך משקה האָט דער טאַטע די מאַמע געווּנען,
דורך משקה בין איך אויף דער וועלט געקומען.

טראַ, לאַ-לאַ, א. א. וו

IV

איך געדענק נאָך ביי מיין ברית,
איז דאָס גלעזעל משקה נישט אַראָפּ פון טיש;
דער עולם האָט געשריען: מזל-טוב
דאָס קינד זאָל וואַקסען און זיין אַ רב.
אָט דעריבער טרינק איך אַ רוב-כוס,
דעריבער טרינק איך אָהן אַ מאָס.

טראַ, לאַ-לאַ, א. א. וו.

V

איך געדענק, אַז מ'האָט מיך אין חדר געבראַכט,
האָט מען געהוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט;
און דער רבי, רב העשעל,
האָט געטרונקען פון גאַנצען פלעשעל.
און ביי איהם אין חדר האָב איך געקריגען אַ פעולה:
צו טרינקען משקה גאָר אַ פולע...

טראַ, לאַ-לאַ, א. א. וו.

VI

אויף מיין בר-מצוה האָב איך געזאָגט אַ דרשה,
אַז נעמען אַ ביסעל משקה איז גאָר נישקשה,

אז אליין בכבודו ובעצמו דער קייסער,
איז דאך, במחילה, א שכור א גרויסער:
ד רפאר ברידער, ארים און רייך,
לאמיר טרינקען אלע גלייך.
טרא, לא-לא א. א. ו.

VII

איך געדענק אויף מיינע תנאים,
האבען אלע ג. טרונקען, ווי די גוים;
און מען האט טעפ געבראכען,
און די משקה איז פון טיש נישט אראבגעקראכען.
און איך האב נישט געקוקט, וואס איך בין א חתן,
און אלע ווילע אריינגעגאסען.
טרא, לא-לא א. א. ו.

VIII

איך געדענק, אז מען האט מ.ד צו דער חופה געפירט,
האט מען גענומען צו ביסעלעך שפירט;
און דער רב האט געזאגט די ברכות
און אין בעכער איז געבליבען א קדחת...
און איך בין געשטאנען, ווי א פיינער יונג
און געלעקט דעם בעכער מיט דעם צונג.
טרא, לא-לא א. א. ו.

IX

באלד נאך דער חתונה האב איך זיך מיט דער ווייב
אנגעהויבען קריגען
זענען מיר געפארען צו א גוטען אידען;
האט דער גוטער איד אונז געגעבען א שמירה,
מיר זאלען אריבער אויף א נייער דירה;

און אויף דער נייער דירה האָב איך דאָס ווייב נישט געהערט
און אלע ווילע אריינגעקערט.
טרא, לאַ־לאַ א. א. וו.

X

מיין ביסעלע יאָהרען, ווען איך וועל אויסלעבען,
וויל איך מען זאָל מיר אין קבר מיטגעבען:
אַ פעסעלע משקה נאָענט ביי דער וואַנד,
אַ גרויסע גלאָז אין דער רעכטער האַנד;
צו תחית־המתים בין איך ווידער דאָ...
און טרינק באַלד משקה אין דער ערשטער שעה.
טרא, לאַ־ל א. א. וו.

לְכָבוד דעם הייליגען בים באָם.



1

אָי, גבאי!
וואָס וויל דער הייליגער רבי?
— דער רבי וויל מען זאָל דערלאַנגען צום טיש.
— יאָ, רבינו, יאָ,

עס איז דאָך אַנ'עונג שבּת,
לכבוד דעם הייליגען שבת. (בּיס)

בּים באָם בּים באָם בּים באָם
לכבוד דעם הייליגען בים באָם (בּיס)

II

אָי, גבאי!

וואָס וויל דער הייליגער רבי?

— דער רבי וויל מען זאָל דערלאַנגען די פיש.

— יאָ, רבינו, יאָ א. א. וו.

III

אָי, גבאי א. א. וו.

דער רבי וויל מען זאָל דערלאַנגען דעם פלייש*) א.א.וו.

---

*) דערנאך נעהמט יויך מיט לאָקשען, צימעס, עס קאָן אויך זיין פאטשיא מיט קוגעל מיט וואָס נאָר עס ברענגט דעם אכת'ן עונג-שבת.

גבאי וואָס וויל דער רבי?



1

— גבאי!

וואָס וויל דער רבי?

— דער רבי וויל.

— וואָס?

— אַז די רבי זאָל מוחל זיין געבען.

— ווער ווייסט וואָס?

— אַ שטיקעלע פיש.

— פאַר וועמענס־וועגען?

— פאַר די חסידים'לאך, וואָס זיצען אַרום טיש.

עונג־לשבת, בים בים, בים באַם, } ביס
תענוג ליום־טוב. טרא לא לא לא לא.

II

— גבאי!

וואָס וויל דער רבי? א. א. וו

— א שטיקעלע פלייש.

— פאַר וועמענס־וועגען?

— פאַר די חסידים׳לאך, וואָס לערנען תּורה מיט שוויים.

עונג־לשבת א. א. וו.

III

— גבאי!

וואָס וויל דער רבי? א. א. וו.

— א ביסעלע לאָקשען.

— פאַר וועמענס־וועגען?

— פאַר די חסידים׳לאך, וואָס לערנען תּורה ווי אָקסען..

עונג־לשבת א. א. וו.

IV

— גבאי!

וואָס וויל דער רבי? א. א. וו.

— א ביסעלע צימעס.

— פאַר וועמענס־וועגען?

— פאַר די חסידים׳לאך, וואָס לערנען תּורה בנעימות.

עונג־לשבת, בים באם א. א. וו.

לְכָבוֹד דעֶם הײַליגעֶן שַׁבָּת.



— רביניו, רבינִיו! (בּיס)

— וואָס איז?

— רבִּינִיו, רבינִיו! (בּיס)

— וואָס איז?

— ס'איז ניטאָ קיין חלות אויף שבּת

— ס'עט זיין!

לכבוד שבּת, בּים,

לכבוד שבּת, בּאַם,

לכבוד דעם הייליִגען בּים בּאַם!

לכבוד שבּת, בּים,

לכבוד שבּת, בּאַם,

לכבוד דעם הייליִגען שבּת

II

— רבּיניו, א. א. וו.

— ס'איז ניטאָ קיין פּיש אויף שבּת.

— ס'עט זיין.

לכּבוד שבּת, בּים א. א. וו.

III

— רבּיניו א א. וו.

— ס'איז ניטאָ קיין פליייש אויף שבּת.

— ס'עט זיין!

לכּבוד שבּת, בּים א. א. וו

איין מאָל טו איך זיך בענייען.



איין מאָל, איין מאָל, איין מאָל, איין מאָל, איין מאָל.
איין מאָל טו איך זיך בענייען;
א גאַנצע וואָך, האָרעוועט מען דאָך. } ביס
אויף שבת דאַרף מען לייען.

II

לייען, לייען? לייען, לייען, לייען
זאָל מען נישט בעדאַרפען;
שבת אָהן חריין, קאָן מען זיך בעגעהן, } ביס
אָבער נישט אָהן בראָנפען.

III

בראָנפען, בראָנפען? בראָנפען, בראָנפען, בראָנפען
דאָס איז דאָך מיין נחמה;
אז איך מאַך א כּוס נאָך א כּוס, } ביס
ד'רקוויק איך מיין נשמה.

VI

מײַן נשמה, מײַן נשמה! מיט מײַן נחמה,
װענען דאָר אײַנגאַנצען;
אַז איך נעם אַ כּוס נאָך אַ כּוס, } בּיס
געהען די פּיסעלאַך טאַנצען.

V

טאַנצען, טאַנצען! טאַנצען, טאַנצען, טאַנצען
איז גאָר אַ הױכע מידה;
און אַז איך נעם נאָך אַ מאָל אַ כּוס, } בּיס
טאַנץ איך מיט אַ חסידה.

IV

מיט אַ חסידה, מיט אַ חסידה! מיט אַ חסידה
איז דאָך אַ גרױסע עבירה;
אָבער, אַז איך נעם אַ כּוס נאָך אַ כּוס, } בּיס
האָב איך ניִשט קײן ברירה.

VI

צו טאַנצען, צו זינגען, צו שפּרינגען,
דערצו טו איך טױגען;
אַז איך מאַך אַ שנאַ־ס נאָך אַ שנאַפּס, } בּיס
בעקום איך קלאָרע אױגען.

IV

אױגען, אױגען, אױגען —
אױגען האָב איך קלאָרע;
אַז איך מאַך אַ שנאַפּס נאָך אַ שנאַפּס, } בּיס
איז: שהכּל נהיה בדברו.

לעבען לאַסען וואָהל...



לעבען לאַססען וואָהל, (ביס)
אלע אונזערע פריינדע!
צו גרונדע לאַססען געהן, (ביס)
אלע אונזערע פיינדע!

דער הערר...
זאָל לאַנג לעבען
מיט זיין גאַנצער פאַמיליע.
וויוואַט, וויוואַט וויוואַט,
צאָהלען זי געלד!..

דאָס איז זעהר אַן אַלטער אידישער בדחנישער וויוואַט פון דער עפּאָכע, ווען מען האָט גערעדט דייטשמעריש. צו די ווערטער: „דער הערר"... ווערט צוגעגעבען דער נאָמען פון דעם מחותן אָדער גאַסט פאַר וועמענס כבוד־וועגען דער בדחן מאַכט דעם וויוואַט. זעהר כאַראַקטעריסטיש איז אויך די ענדע. ווי ער ענדיגט דריי מאָל „וויוואַט", שטרעקט ער באַלד אויס די האַנד: צאָהלען זי געלד...

א וואָלאַכ׳ל, לאָמיר זינגען.

Andante Con Chasidato... (מיט חסידישע התלהבות)



א וואָלאַכ׳ל לאָמיר זינגען,
א וואָלאַכ׳ל לאָמיר שרייען,
א וואָל כ׳ל לאָמיר זינגען,
לאָמיר שרייען!
} בי״ס

א גאַנצע וואָך
דאַרעוועט מען דאָך,
אויף שבת דאַרף מען לייען.
} בי״ס

פון וואַנען קומט אַ איד.



פון וואנען קומט א אידז
פון וואנען קומט א אידז
פון וואנען קומט א אידז
— פון ליובאוויטשו (ביס)
וואס טהוט מען אין ליובאוויטש? (דריי מאל)
— מען טרינקט בראנפען און מען הוליעט | (פיר מאל ביס)
און מען טאנצט א קאראהאד.

איה״ש ביים רבי׳ן.



געוואַלד, געוואַלד,
געוואַלד, געוואַלד, געוואַלד!
גוטער ברודער, טייערער ברודער! (ביס)
ווען, ווען ווערלען מיר זיך זעהען? (ביס)
— אז גאָט וועט געבען
געזונד און לעבען,
איה״ש ביים רבי׳ן
וועלען מיר זיך זעהען!

II

געוואַלד א. א. וו.
ווען, ווען וועלען מיר אַ ביסעלע משקה טרינקען א. אַ. וו.

III

געוואַלד א. אַ. וו.
ווען, ווען וועלען מיר אַ רקוד׳ל טאַנצען א. א. וו.

אז מען נעמט די ערשט כּוסע.



I

אַז מען נעמט די ערשטע כּוֹס׳ע,
דאַרף מען זאָגען „ברוך",
אַזוי שטעהט געשריבען אין אונזער הייליגען
שולחן-ערוך.

בּיס { אוי, מיר וועלען מעהר נישט גנב׳ענען
מיר וועלען אליין נעמען.

II

אַז מען מאַכט די ערשטע כּוס׳ע, דאַרף מען דאָך
זאָגען „אתּה",
אַזוי האָט אונז געהייסען אונזער הייליגער טאַטע.

אוי, מיר וועלען מעהר נישט גנב׳ענען א. ז. וו.

III

אז מע מאכט א רעכטע כּוס'ע, דאַרף מען זאָגען:
„אדוני",
טרינקען דאַרף מען ווי א איד און נישט ווי א גוי.
אוי, מיר וועלען מעהר נישט גנב'ענען א. א. וו.

IV

אז מען נעמט א ביסעל משקה, דאַרף מען זאָגען:
„אלוהינו",
ס'איז א סברה, אז ס'האָבען שוין געטרונקען אונזערע
אבות-אבותינו.
אוי, מיר וועלען מעהר נישט גנב'ענען א. א. וו.

V

אז מען מאכט א רעכטען קידוש, דאַרף מען זאָגען:
„מלך"
ווי מען טרינקט גור אויס די משקה, ווערט אויפ'ן
האַרצען פרעהלאך.
אוי, מיר וועלען מעהר נישט גנב'ענען א. א. וו.

VI

אז מען האַלט ביים לעצטען גלעזעל, דאַרף מען זאָגען:
„העולם",
טרינקען דאַרף מען, ווי א מענש און נישט ווי א גולם.
אוי, מיר וועלען מעהר נישט גנב'ענען } ביס
מיר וועלען אַ ל יי ן נעמען. }

VII

אז מען נעמט א גוט ביסעל בראָנפען דאַרף מען דאַך
מאכען: „שהכל",

ווייל זי מאַכט דאָך פון אונז אַ גרויסען סך־הכל.
אוי, מיר וועלען מעהר נישט גנב'ענען א. א. ח.

VIII

אז מען מאַכט די גאַר גרויסע כּוס'ע, דאַרף מען דאָך זאָגען: „נהיה",
אז מיר האָבען דערלעבט צו טרינקען שנאַפּס — האָבען מיר אַ גרויסע זכיה.
אוי, מיר וועלען מעהר נישט גנב'ענען א. א. ח.

IX

אז מען מאַכט דעם פיינעם קידוש, דאַרף מען דאָך ענדיגען: „בּדברו",
ווייל ווער ס'קאָן מעהר טרינקען, איז אַ גרעסערער שררה.
אוי, מיר וועלען מעהר נישט גנב'ענען א. א. וו.

אֵלוּ וְאֵלוּ צוֹעֲקִים בָּךְ,

Moderato. (בּצוועגט)



I

בעלי-בתים היושבים בבתיהם
ושותים יין בכליהם.
אלו ואלו צועקים בך:
אַ טרונק בראָנפען ווילט זיך דאָך!

II

בעלי-בתים, וואָס וואוינען אין אייגענע הייזער
טרינקען אויס בראָנפּען גאַנצע ברייזער.
אלו ואלו צועקים בקול:
אַ טרונק בראָנפען איז דאָך וואויל!

III

דינים היושבים אצל הכּנס׳ל,
השותים יין אַ פולע פלעשעל.
אלו ואלו צועקים בקול:
אַ טרונק בראָנפען איז דאָך וואויל!

IV

רבנים, וואָס לערנען משניות פּוסק
טרינקען בראָנפען מיט גרויס חשק.
אלו ואלו צועקים בך:
אַ טרונק בראָנפען ווילט זיך דאָך!

V

גנבים היושבים במחתרת
ושותים יין בכלי חרס.
אלו ואלו צועקים חי:
אַ טרונק בראָנפען פּאָדאוואַי!

VI

גנבים, וואָס ברעכען שלעסער פון שטאָל
טרינקען בראָנפען גאָר אָהן אַ צאָל.
אלו ואלו צועקים חי:
אַ טרונק בראָנפען פּאָדאוואַי!

VII

דאָקטוירים, וואָס מאַכען דעם חולה קראַנקער
טרינקען בראָנפען אַ גאַנצען אַנקער.
אלו ואלו צועקים בר:
אַ טרונק בראָנפען ווילט זיך דאָך!

VIII

הענדלער היושבים אצל ההענדעל
ושותים יין אַ פולע פענדעל.
אלו ואלו צועקים בקול:
אַ טרונק בראָנפען איז דאָך וואויל!

IX

מלמדים װאָס לערנען מיט ס׳נדער גמרא,
טרינקען בראָנפּען אין דער גרעסטער צרה.
אלו ואלו צועקים חי:
אַ טרונק בראָנפּען פּאַדאַװאַי!

X

ארבייטער פון פאבריקען און מייסטער קרייען,
טרינקען בראָנפּען און מאכען אַ לחיים.
אלו ואלו צועקים חי:
אַ טרונק בראָנפּען פּאַדאַװאַי!

אבטיילונג IV

הומאָריסטישע לידער

א זמר׳ל.



I

לאָמ׳ר זשע זינגען (ביס)
א זמר׳ל, א זמר׳ל.
לחם לאכול, בשר ודגים
וכל מטעמים.

— זאָג-זשע מיר, טאַטעניו, וואָס איז לחם?
— ביי די גרויסע גבירים איז לחם א בולקע.
און ביי אונז, אָרימע קבצנים, איז לחם א דאַרע סקאָרינקע.

— דאָס איז לחם!

— זאָג זשע מיר, טאַטינקע, וואָס איז בשר?
— ביי די גרויסע גבירים איז בשר אַנ׳אינדיק,

און ביי אונז, אָרימע קבצנים, איז בשר אַ דאַרע
קישקע.

— דאָס איז בשר!

— זאָג זשע מיר, טאַטינקע, וואָס איז דגים?
— ביי די גרויסע גבירים איז דגים אַ העכט,
און ביי אונז, אָרימע קבצנים, איז דגים אַ געוויאנזעל־
טער הערינג.

— דאָס איז דגים!

— זאָג זשע מיר, טאַטינקע, וואָס איז מטעמים?
— ביי די גרויסע גבירים איז מטעמים קאָמפּאָט,
און ביי אונז, אָרימע קבצנים, איז מטעמים געהאַקטע
צרות.

— דאָס איז מטעמים.

ווען דו וואלסט געווען דער בורא עולם.



ווען דו וואָלסט געווען דער בורא עולם,
וואָס וואָלסטו געטהון?
ווען דו וואָלסט געוועז דער בורא עולם,
וואָס וואלסטו געמאַכט?

— כ׳וואָלט געמאַכט און געמאַכט:

כ׳וואָלט געמאַכט אַ טשאָלענט ער זאָל אין אויוען
נישט אַריינגעהן,
דאָס וואָלט איך געמאַכט:
אפּיקורסים און מתנגדים וואָלט איך אַ קרענק געגעבן,
נאָר די חסידים׳לאַך.
הלואי, הלואי, הלואי וואָלט דאָס אמת געווען. (ביס)

II

ווען דו וואָלסט געווען א. אַ. וו.

— כ׳וואָלט געמאַכט און געמאַכט:
כ׳וואָלט געמאַכט אַ קוגעל ער זאָל אין טשאָלענט
נישט אַריינגעהן,
דאָס וואָלט איך געמאַכט:
אפּיקורסים און מתנגדים וואָלט איך אַ קרענק געגעבן,
נאָר די חסידים׳לאַך.
הלואי, הלואי, הלואי וואָלט דאָס אמת געווען! (ביס)

III

ווען דו וואָלסט געווען א. א. וו.

— כ׳וואָלט געמאַכט און געמאַכט:
כ׳וואָלט געמאַכט אַ בית־עולם, ער זאָל אין פּאַ־קאָן
נישט אַריינגעהן,
דאָס וואָלט איך געמאַכט:
אפּיקורסים און מתנגדים וואָלט איך אַ קרענק בעגראָבן,
נאָר די חסידים׳לאַך...
הלואי, הלואי, הלואי וואָלט דאָס אמת געווען! (ביס)

וואָס וועט זיין מיט דעם רֶבִּ'ן דעם פֿרומען.



וואָס וועט זיין מיט דעם רבי'ן דעם פֿרומען,
במהרה בימינו, אַז משיח וועט קומען?
— פֿון וויין און פֿון בראָנפֿען וועט געהן אַ רעגען,
און דאָס וועט זיין פֿאַר די חסידים'ס וועגען.
— במהרה בימינו, ווי דערלעבט מען שוין דאָס.

ס'וועט דאַך זיין אַ ליכטיגע וועלט, (דריי מאָל)
מ'עט טרינקען בראָנפֿען אומגעשטעלט.

II

מען וועט נעמען א בהמה א כשר'ע, א פרומע,
זי וועט זיין אַן אייניקעל פון דער פּרה־אדומה;
מען וועט זי איינשפּאַנען אין דער קאַרעטע פון דעם רבי'ן דעם פרומען.
במהרה בימינו, אז משיח וועט קומען.
טראַ לאַ לאַ לאַ לאַ,
ווי דערלעבט מען שוין דאָס.

ס'עט דאָך זיין א ליכטיגע וועלט, (דריי מאָל)
מ'עט טרינקען שפּירעטעס אומגעשטעלט.

III

די קאַרעטע וועט זיין פון פּאַרמעט נישט פון לעדער,
פון עצי־שיטים וועלען זיין די רעדער;
די אקסען וועלען זיין פון עצי־גופר,
און די בייטש — א ציצה געבונדען אין א שופר.
טראַ לאַ לאַ לאַ לאַ,
ווי דערלעבט מען שוין דאָס.

ס'עט דאָך זיין א ליכטיגע וועלט, (דריי מאָל)
מ'עט טרינקען שפּירעטעס אומגעשטעלט.

IV

אויף די ביימער וועלען וואַקסען קוילעטשען מיט בולקעס
די צווייגען וועלען זיין ציבוקעס מיט ליולקעס;
די בלעטער וועלען זיין טערקישער טוטין
און מיר חסידים וועלען רויכערען דערפון.
טראַ לאַ לאַ לאַ לאַ,
ווי דערלעבט מען שוין דאָס.

ס'עט דאָך זיין א ליכטיגע וועלט, (דריי מאָל)
מ'עט טרינקען שפּירעטעס אומגעשטעלט.

ציג ציגצאַפּ׳ל.



I

המוציא מחבירו עליו הראיה.
פון דעם רבי'נס נסים וועל איך אייך דערצעהלען
א מעשה א נייע.

ציג-ציגעצאַפּעל ציגע ציגעל ציפּ-צאַפּ
ציג-ציגעצאַפּעל ציג-ציג צאַפּ!

II

די מעשה האָט זיך געטראָפען במוצאי הושענא-רבא.
איז געבאָרען געוואָרען א בכור א באָקעלעביים רבינ'ס גבאי.

ציג-ציגעצאַפּעל א. ז. וו.

III

האָט דער רבי געהייסען איהם פיצען און צירען,
און אָהן שאלות און אָהן מענות אין מקוה איהם פיהרען.

ציג-ציגעצאַפּעל א. ז. וו.

IV

דאָס בעקעל האָט מען אָנגעטהון גאַנץ שעהן און גאַנץ פיין,
און מען האָט אים מיט גרויס כבוד געפירט אין מקוה אריין.

ציג־ציגעצאַפּל א. א. וו.

V

די חסידים פאַר'ן עק — דער רבי פאַר'ן האָרעז,
דאָס בעקעלע האָט געגעבען אַ שפרונג, און אַנטלאָפען געוואָרען.

ציג־ציגעצאַפּעל א. ז. וו.

VI

זענען אַלע געלאָפען דאָס באָקעלע זוכ"ן,
ס'איז אַפילו געלאָפען דער כהן פון דוכן.

ציג־ציגעצאַפּעל א. ז. וו.

VII

נאָר איהם איז געלאָפען די טענדלערקע דאָבע,
נאָך איהר איז געלאָפען די רבי'צין די גראָבע.

ציג־ציגעצאַפּל א. ז. וו.

VIII

נאָר איהר איז געלאָפען חיים דער קרומער,
נאָך איהם איז געלאָפען דער שוחט דער פרומער.

ציג־ציגעצאַפּעל א. ז. וו.

IX

דער שוחט האָט געגעבען אַ כאַפּ דאָס באָקעלע פאַרן זנב,
האָט ער איהם במחילה מעיז געווען בפניו.

ציג־ציגעצאַפּעל א. ז. וו.

X

האָבען אַלע געזעהן, אַז דאָס איז אַ דבוק געוועזען,
האָט דער רבי געהייסען, קריעת־שמע צו לעזען.

ציג־ציגעצאַפּעל אַ. ז. וו.

XI

אויף צו מאָרגענס האָט ער געהייסען גומל צו בענשען,
וואָס ער האָט מציל געווען פון דבוק אַלע מענשען.

ציג־ציגעצאַפּעל אַ. ז. וו.

XII

איהר אפּיקורסים, הולטאַיעס, וועט פון דעם לאַכען און שפּאָטען;
וועט מען אייך דערפאַר אויף יענער וועלט בּרענען און בּראָטען.

ציג־ציגעצאַפּעל אַ. ז. וו.

דער רבי אלימלך.



I

אַז דער רבי אלימלך,
איז געוואָרען זעהר פרעהלאַך,
איז געוואָרען זעהר פרעהלאַך
אלימלך,
האָט ער אויסגעטון דעם קיטעל
און האָט אָנגעטון די היטעל

און געשיקט נאָך די פידלער
די צוויי.

אוי, אז די פידעלדיגע פידלער,
האָבען פידעלדיג געפידעלט,
האָבען פידעלדיג געפידעלט
האָבען זיי.
(בים)

II

אוי, אז דער רבי אלימלך
איז געוואָרען גאָר מעהר פרעהלאַך,
איז געוואָרען גאָר מעהר פרעהלאַך
אלימלך,
האָט ער צוגעמאַכט הבדלה
מיט'ן שמש רב נפתלי
און געשיקט נאָך די צימבלער
די צוויי.

און, אז די צימבעלדיגע צימבלער,
האָבען צימבעלדיג געצימבעלט,
האָבען צימבעלדיג געצימבעלט
האָבען זיי.
(בים)

III

און אז דער רבי אלימלך
איז געוואָרען גאָר שטאַרק פרעהלאַך,
איז געוואָרען גאָר שטאַרק פרעהלאַך
אלימלך,
האָט ער אויסגעטוּן די תפילין
און האָט אויסגעווישט די ברילען
און געשיקט נאָך די פייקלער
די צוויי.

אוּן אַז די פּייקעלדיגע פּייקלער,
האָבּען פּייקע דיג געפּייקעלט, } ביס
האָבּען פּייקעלדיג געפּייקעלט
האָבּען זיי.

דאָס קליין מלמדל.



I

צי ווייסט איהר ווער איך בין? (ביס)
איך בין, איך בין, איך בין,
— צי ווייסט איהר ווער איך בין?

און באלד וועל איך אייך זאָגען. (ביס)

— זאָגט זשע, זאָגט זשע, זאָגט זשע גיכער,
זאָגט זשע, זאָגט זשע, באלד, באלד, באלד. (ביס)

— א קליין מלמד'ל. (ביס)

II

צי ווייסט איהר מיט וועמען איך לערען? (ביס)
איך לערען, איך לערען, איך לערען,
— צי ווייסט איר מיט וועמען איך לערען?

און באלד וועל איך אייך זאָגען. (ביס)

— זאָגט זשע, זאָגט זשע א. א. וו.

— מיט דריי תלמידים'לאך. (ביס)

III

און ווייסט איהר וואָס זיי קענען? (ביס)
זיי קענען, זיי קענען, זיי קענען,
— צי ווייסט איהר וואָס זיי קענען?

און באלד וועל איך אייך זאָגען. (ביס)

— זאָגט זשע, זאָגט זשע א. א. וו.

— איינער קען דעם אלף־בית זאָגען,
דער אנדערער קען דער מאמע שלאָגען
און דער דריטער חתונה האָבען. (ביס)

IV

און ווייסט איהר ווען ער נעמט?
ער נעמט, ער נעמט, ער נעמט
— און ווייסט איהר ווען ער נעמט?
און באַלד וועל איך אייך זאָגען. (ביס)
— זאָגט זשע, זאָגט זשע א. אַ. ו.
— דעם בעדער׳ס טאָכטערל. (ביס)

V

און ווייסט איהר וויפיל נדן ער נעמט?
ער נעמט, ער נעמט, ער נעמט
— און ווייסט איהר וויפיל נדן ער נעמט?
און באַלד וועל איך אייך זאָגען. (ביס)
— זאָגט זשע, זאָגט זשע א. אַ. ו.
— פופציג קערבלאַך. (ביס)

פופציג זאָגט מען,
פערציג מיינט מען,
דרייסיג צעהלט מען,
צוואַנציג גיט מען,
צען קערבעלאַך איז ניטאָ! (ביס)

אונטער א קליין בוימעלע.



אונטער אַ קליין בוימאַלע,
זיצען יונגלאַך צוויי;
זיי ריידען פון אַ מיידאַלע, } ביס
קיין זאַך קימערט זיי.

דערצעהלט איינער די ניסים'לאך,
וואָס ער האָט געדהאַט;
כאַפט דער אַנדערער אַרויס
דערצעהלט עס אַקוראַט
אונטער אַ קליין בוימאַלע א. א. וו.

II

ווי פליעגט, זאָגט ער, גאַנצע טעג
אומגעהן אומגעגעסען;

דארט, ווי זי האָט געוואוינט,
שעדה'ן אָבגעזעסען.
אונטער אַ קליין בוימאַלע א. א. וו.

II

שטורעם, ווינט, רעגען, שניי,
קיין זאך נישט געשראָקען;
און די מאַמע אין דערהיים,
געווארט האָט מיט אַ כלאָקען.
אונטער אַ קליין בוימאַלע א. א. וו.

IV

און דער טאַטע צו דער צו,
מיט דעם פּאַס דעם גרויסען;
אויסגעקלאַפּט די ביינדעלאַך,
ארויסגעיאָגט אין דרויסען.
אונטער אַ קליין בוימאַלע א. א. וו.

נחומקע מיין זוהן.



נחום׳קע מיין זוהן! (ביס)
ווען האָסטו ליב, זוהנעניו? (ביס)

— אַ אידיש מיידעל טאַטעניו. (ביס)

II

אוי, נחום׳קע מיין זוהן! (ביס)
ווער איז דאָס מיידעל, זוהנעניו? (ביס)

— אַ בעל־הבתיש קינד, טאַטעניו. (ביס)

III

אוי, נחום׳קע מיין זוהן! (ביס)
וויפיל גיט זי נדן, זוהנעניו? (ביס)

— קיין נדן האָט זי נישט, טאַטעניו. (ביס)

IV

אוי, נחום'קע מיין זוהן! (ביס)
הייס איך זי נישט נעמען, זוהנעניו! (ביס)

- פרעג איך נישט ביי דיר, טאַטעניו! (ביס)

V

אוי, נחום'קע מיין זוהן! (ביס)
ווען וועלען זיין די תנאים, זוהנעניו? (ביס)

— איך פאָר שוין צו דער חופה, טאַטעניו. (ביס)

VI

אוי, נחום'קע מיין זוהן! (ביס)
ווער וועט דיך בענשען, זוהנעניו? (ביס)

— גאָט אין הימעל, טאַטעניו! (ביס)

VII

אוי, נחום'קע מיין זוהן! (ביס)
גיב איך דיר מיין ברכה, זוהנעניו! (ביס)

— גיב איך דיר מיין דאנק, טאַטעניו. (ביס)

פון מאָנטאָג אין דער פריה ביז פרייטאָג פאַר נאַכט.



פון מאָנטאָג אין דער פריה ביז פרייטאָג פאַרנאַכט,
מיין ווייב טשיפּע־טריינע האָט דעם קוגעל געמאַכט.

האָט אַ איד אַ הייבעלע,
האָט אַ ווייב אַ אידעלע,
האָט אַ איד אַ ווייבעלע,
האָט אַ ווייב אַ אידעלע.

ווי ס'איז געקומען שבת צום עסען,
האָט זי דעם קוגעל אין אויווען פערגעסען.

האָט אַ ווייב אַ אידעלע א. אַ. וו.

האָט ער גענומען דעם גראָבען שטעקען
און האָט אָנגעהויבען דאָס ווייבעל צו דעקען.

האָט אַ איד א. אַ. וו.

האָט זי גענומען די אַלטע שקראַבעס
און איז ענטלאָפען צום טאַטען אויף שבת.

האָט אַ איד א. א וו.

האט ער גענומען מיט די שכנים שפעקולירען,
מען זאָל איהם זיין ווייבעל ברענגען צו פיהרען.

האָט אַ איד א. אַ. וו.

האָט מען שוין דאָס ווייבעל געבראַכט,
פון מאָנטאָג אין דער פריה ביז פרייטאָג פארנאַכט.

האָט אַ איד א. אַ. וו.

אוי, מיין מאַן, זאָלסט מיר לעבען אויף דער וועלט,
זאָלסט מיר נאָר געבען דעם בייטעל מיט געלד.

האָט אַ איד א. אַ. וו.

ניין מאמע, ניין מוטער.



I

הער מיך אויס, מיין ליב קינד,
איך וועל דיר עפּיס זאָגען:
איך וועל דיר געבען א שניידער יונג
זאָלסט מיט איהם חתונה האָבען.

— ניין מאמע, ניין מוטער,
א שניידער יונג איז זעהר ביטער.
א שניידער יונג נעהט מיט דער נאָדעל

און שלאָנט דאָס ווייב בכבוד גדול...
ניין מאַמע, ניין מוטער,
א שניידער יונג איז זעהר ביטער!

II

הער מיר אויס, מיין ליב קינד,
איך וועל דיר עפּעס זאָגען:
איך וועל דיר געבען אַ שוסטער יונג
זאָלסט מיט איהם חתונה האָבען.

— ניין מאמע, ניין מוטער,
אַ שוסטער יונג איז זעהר ביטער.
ער ציהט די דראַטווע מיט די ציין
און קוקט אויף מיידלאך מלא חן—
ניין מאַמע, ניין מוטער,
אַ שוסטער יונג איז זעהר ביטער!

III

הער מיך אויס, מיין ליב קינד,
איך וועל דיר עפּעס זאָגען:
איך וועל דיר געבען אַ סטאָלער יונג
זאָלסט מיט איהם חתונה האָבען.

— ניין מאַמע, נייז מוטער,
אַ סטאָלער יונג איז זעהר ביטער,
אַ סטאָלער יונג מאַכט אַ בעט
געהט צו דער חופּה און טראַכט אַ גט.
ניין מאמע, ניין מוטער.
אַ סטאָלער יונג איז זעהר ביטער!

VI

הער מיך אויס, מיין ליב קינד,

איך וועל דיר עפּעס זאָגען:
איך וועל דיר געבען אַ בעקער יונג
זאָלסט מיט איהם חתונה האָבען.

— ניין מאַמע, ניין מוטער,
אַ בעקער יונג איז זעהר ביטער.
אַ בעקער יונג באַקט אַ ברויט
און ברענגט דעם ווייב אַ גיכען טויט.
ניין מאַמע, ניין מוטער,
אַ בעקער יונג איז זעהר ביטער!

V

הער מיך אויס, מיין ליב קינד,
איך וועל דיר עפּעס זאָגען:
איך וועל דיר געבען אַ רב אַ יונג,
זאָלסט מיט איהם חתונה האָבען.

— ניין מאַמע, ניין מוטער,
אַ רב אַ יונג איז זעהר ביטער,
אַ רב אַ יונג, קוועטשט די באַנק
און מאַכט זיין ווייב'ל אַלט און קראַנק.
ניין מאַמע, ניין מוטער,
אַ רב אַ יונג איז זעהר ביטער.

IV

הער מיך אויס, מיין ליב קינד,
איך וועל דיר עפּעס זאָגען:
איך וועל דיר געבען אַ שרייבער יונג
זאָלסט מיט איהם חתונה האָבען.

— יאָ מאַמע, יאָ מוטער,
אַ שרייבער יונג איז גאָרנישט ביטער.

א שרייבער יונג שרייבט מיט דער פען
און קושט דאָס ווייבעל ווען ער קען.
יאָ מאַמע, יאָ מוטער,
א שרייבער יונג איז גאָר נישט ביטער.

דאָס קאָזשעניצער שניידער'ל.



I

בין איך מיר אַ שניידער'ל אַ גוטער,
כ'נעה פאַר'ן קאָזשעניצער רבי'ן אַ פוטער;
איך נעם אַרויס די גוטע וואַטע
און לעג אַריין אַנ'אלטע שמאַטע.
טראַ לאַ לאַ לאַ.

II

בין איך מיר אַ שניידער'ל, ס'איז מיר גוט,
לעב איך זיך צופרידען און בערוהט;
מיט'ן פאַדעם און מיט דער נאָדעל
לעב איך מיר אָב בכבוד גדול.
טרא לא לא לא.

III

בין איך מיר א שניידער׳ל א גוטער,
נעה איך מיר פאַר׳ן קאָזשעניצער רבי׳ן א פוטער;
איך דרעה א הכ אַהער, איך דרעה איהם אַ אַהין
און גנב׳ע אראָב אַנ׳אַנדערטהאַלבען אַרשין.
טרא לא לא.

IV

דער בגד איז שוין גאַנץ פאַרטיג,
טראָג איך איהם אָב שעהן און אַרטיג;
ער נעמט איהם קעהרען, ער נעמט איהם דרעהען
און הייסט מיר א קנעפּעל איבערצונעהען.
טרא לא לא.

V

ער זאָגט, אַז דער בגד איז נישט גוט,
און צאַפּט פון מיר אויס דאָס בלוט;
דער בגד איז גוט, ווי די וועלט,
ער וויל מיר נישט בעצאָה׳ ען קיין גראָשען געלד...
טרא לא לא.

מיט אַ נאָדעל און אָהן אַ נאָדעל.



מ׳ט אַ נאָדעל און אָהן אַ נאָדעל,
נעה א׳ך מ׳ר בכבוד גדול. (ב׳ס)

און אַז איך האָב אַ נאָדעל מיט אַ פאָדעם,
נעה א׳ך מיר אָב די׳ שענסטע בגדים.

מ׳ט אַ נאָדעל א. א. וו.

II

און אַז א׳ך האָב אַ נאָדעל מיט אַ פינגערה׳ט
לעב א׳ך מיר אָב מיין וועלט בעריהט.

מ׳ט אַ נאָדעל א. אַ. וו.

III

אבי א׳ך נעם די שער און אייזען,
קאָן איך שוין מיין ווייב און ק׳נדער שפייזען.

איך פערלעג מ׳ר אַ פיס אויף אַ פיס
און זינג מ׳ר א לידעלע צוקער זיס.

מיט אַ נאָדעל און אָהן אַ נאָדעל
נעה איך מיר בכבוד גדול א. אַ. ח.

דער סאַמאָוואַר.



I

בײ מײן בעל־הבית,
איז פאַרהאַן אַ דאָס,
שדים ווייסען וואָס איז דאָס.-

II

מיט אַ גראָבען בויך,
מיט אַ קורצען האַלז,
מיט אַ דזיִרי־דזים־דזים־קול.

III

גיט מען איהם אַ דרעה,
גיט פון איהם אַ גאָס,
שדים ווייסען וואָס איז דאָס?!-

*) אלף-אַנ'אָדלער.



אַ ל ף — אַנ'אָדלער טוט אונטער'ן הימעל פליהען,
ב י ת — אַ באַרענבוים טוט אַלע זומער בליהען,
ג י מ ל — אַ גלח טוט זיך צו דער עבודה־זרה קניהען.
ד ל ת — אַ דאָקטאָר טוט געבען אויף שוויצען,
ה י — אַ הימל טוט אַלע זומער דונערען און בליצען,
ו א ו — אַ וויינער טוט אויף די פעסלאַך וויין זיצען.
ז י ן — אַ זעלנער טוט אין דער מלחמה ש־יסען,
ח י ת — אַ חזן טוט זיך ביים דאַווענען מיט טרערען בעגיסען,

ט י ת — אַ טייך טוט לויפען און פליסען.

י ו ד — אַ יאַטקע־קלאָץ, מען טוט אויף איהם פלייש האַקען,

כ ף — אַ כלה, טוט מען פאַר איהר ל קאַך באַקען,
ל מ ד — אַ לעבער טוט מען בראָטען און האַקען.
מ ם — אַ מיידעל טוט זיך פוצען און צירען,
נ ו ן — אַ נאָז טוט אַלע ווינטער אָבפרירען,
ס מ ך — אַ סאָד טוט מען אין איהם אַלע זומער געהן שפאַצירען.

ע י ן — אַנ'עקדיש טוט אין די פיס בייסען,

פ י — אַ פויער, וואָס דער פריץ טוט איהם שמייסען,
צ ד י ק — אַ צאָהן טוט דער דאָקטאָר אַרויסרייסען.
ק ו ף — אַ קאָכלעפעל טוט דעם טאָפּ אויסמישען,
ר י ש — אַ רב וואָס טוט אַלע דינים וויסען,
ש י ן — אַ שייגעץ טוט פון קיין אַלף נישט וויסען.
ת י ו — אַ ת(ז)אָטער איז הימעל האָבען מיר אַ פאָטער,
ווען וועלען מיר שוין ווערען פון גלות פּטור.

אלף-אַנ'אָדלער. [1]



אלף — אַנ'אָדלער

בית — אַ בוים,

גימל — א גלח.

אנ'אָדלער טוט הויך פליהען,

אַ בוים טוט זומער בליהען

און אַ גלח טוט זיך צו דער עבודה-זרה קניהען.

דלת – אַ דאָקטער,

הי — אַ הימעל,

ואו — אַ וויינער.

אַ דאָקטאָר טוט רפואות נוצען,

אַ הימעל טוט זומער דונערען און בליצען

און אַ וויינער טוט ביים הארנע זיצען.

זין — אַ זעלנער,

חית — אַ חזן,

טית — אַ טייך,

אַ זעלנער טוט הויך שיסען,

אַ חזן טוט זיך ביים עמוד מיט טרעהרען בעגיסען

און אַ טייך טוט לויפען און פליסען.

יוד — אַ יאַטקע,
כף — אַ קרעמער,
למד — לאָפּאַטע.
אין אַ יאַטקע טוט מען אַלערליי פליש האַקען,
אַ קרעמער טוט זיין סחורה פּאַקען
און מיט אַ לאָפּאַטע טוט מען ברויט באַקען.

מם — אַ מיידעל,
נון — אַ נאָז,
סמך — אַ סרייבער.
אַ מיידעל טוט זיך פּיצען און ציִרען,
אַ נאָז טוט ווינטער פרירען
און אַ שרייבער טוט מיט דער פען אויפ'ן פּאַפּיר פיִהרען.

עין — אַנ'עקדיש,
פי — אַ פּריץ,
צדיק — צימבלער.
אַנ'עקדיש איז אַ גרויסער פראַנץ,
אַ פּריץ לעבט אין פראַכט און גלאַנץ
און אַ צימבלער טוט צושפּילען אַ שעהנעם טאַנץ.

קוף — אַ קיטקע,
ריש — אַ רביצין,
שין — אַ שדכן.
אַ קיטקע טוט מען באַקען אויף אייער,
אַ רביצין טראָגט אַ ווייסען שלייער
און אַ שדכן איז אַ קרוטשעלע אַ דרייער.

תיו — אַ טאָטער,
אין הימעל האָבען מיר אַ פאָטער,
אַז משיח וועט קומען,
וועלען מיר פון אלע צרות ווערען פטור.

אלף-איינגעמאַכץ עסט דער נגיד...



אלף — אינדיקעס עסט דער נגיד.

בית — ביינדעלאך גריזשעט דער אָרימאַן.

גימל — גענזעלאַך עסט דער נגיד.

דלת — דעם דלות האָט דער אָרימאַן.

הי — הינדעלאַך געפּרעגעלטע עסט דער נגיד!

ואו — וועהטאָגען האָט דער אָרימאַן.

זין — זעמעל מיט פּוטער עסט דער נגיד.

חית — חלאת'ן האָט דער אָרימאַן.

טית — טייבעלאַך געבראָטענע עסט דער נגיד.

יוד — יסורים האָט דער אָרימאַן.

כף — קאַלאָשען טראָגט דער נגיד.

למד — לאַפּטשעס האָט דער אָרימאַן.

מם — משקה טרינקט דער נגיד.

נון — ניכטער איז דער אָרימאַן.

סמך — סאַמעטענע קליידער טראָגט דער נגיד.

עין — ע(אָ)בגעריסען געהט דער אָרימאַן.

פּי — פּיפקעס געבראָטענע עסט דער נגיד

צדיק — צרות האָט דער אָרימאַן.

קוף — קאָטלעטען געפּרעגעלטע עסט דער נגיד.

ריש — רעטאַך גריזשעט דער אָרימאַן.

שין — שערעשעווסקיס*) פּאַפּיראָסען רויכערט דער נגיד.

תיו — תּוטין פּיפּקעט דער אָרימאַן!

*) א געוועזענע יידישע פּאַפּיראָסען-פאַבריק אין גראָדנע.

שלום עליכם.



I

שלום עליכם, מלאכי השלום, מלאכי עליון.
מי הוא זה מלך מלכי המלכים?
אוי ווי, טאטע זיסער, הקדוש ברוך הוא. (ביס)

— א גוט שבת דיר רבי(!)
— וואָס ווילסטו מיין קינד?
— א סאַמעטענע היטעלע לכבוד שבת.
— וויפיל קאָסט א סאַמעטענע היטעלע?
— אלף ראַך (רו"כ)
— אלף ראַך. (רו"כ)
איז נישט קיין סך,
אבי א סאַמעטענע היטעלע לכבוד שבת. (ביס)

II

בואכם לשלום, מלאכי השלום, מלאכי עליון.
מי הוא זה מלך מלכי המלכים?
אוי, ווער, טאַטע זיסער, הקדוש ברוך הוא. (ביס)
— א גוט שבת דיר רבי!
— וואָס ווילסטו מיין קינד?
— א זיידען גאַרטעלע לכבוד שבת.
— וויפיל קאָסט א זיידען גאַרטעלע?
— שלשה ראַך. (רו"כ)
— שלשה ראַך (רו"כ)
איז נישט קיין סך,
אבי א זיידען גאַרטעלע לכבוד שבת. (ביס)

III

ברכוני לשלום, מלאכי השלום, מלאכי עליון.
מי הוא זה מלך מלכי המלכים?
אוי, ווער, טאַטע זיסער, הקדוש ברוך הוא. (ביס)
— א גוט שבת דיר רבי!
— וואָס ווילסטו מיין קינד?
— אנ'אַטלעסענע קאַפּאָטקע לכבוד שבת.

— וויפיל קאָסט אַנ'אַטלעסענע קאַפּאָטקע?
— שלשים ראַך. (רו"כ)
— שלשים ראַך
איז נישט קיין סך,
אבי אַנ'אַטלעסענע קאַפּאָטקע לכבוד שבת. (ביס)

IV

צאתכם לשלום, מלאכי השלום, מלאכי עליון.
מי הוא זה מלך מלכי המלכים?
אוי, ווען, טאַטע זיסער, הקדוש ברוך הוא. (ביס)

— אַ גוט שבת דיר, רבי!
— וואָס ווילסטו מיין קינד?
— אַ שבתא מלכתא לכבוד שבת.
— וויפיל קאָסט אַ שבתא מלכתא?
— אלף ראַך! (רו"כ)
— אלף ראַך
איז נישט קיין סך,
אבי א שבתא מלכתא לכבוד שבת. (ביס)

ווי אזוי לעבט דער קייסער?



I

רבותי, רבותי, חכמים אָהן אַ ברעג!
כ'וועל אייך פרעגען, כ'וועל אייך פרעגען!

— פרעג זשע, פרעג זשע, פרעג!

ענטפערט אַלע,
אויף מיין שאלה:
ווי טרינקט דער קייסער טהיי?

— טהיי?
מע נעמט אַ הוטעלע צוקער,
מע מאַכט אין דעם אַ לעךעלע,
מע גיסט אריין הייס וואַסער.

און מע מישט, און מע מישט.
אוי, אַט אַזוי, אוי, אַט אַזוי,
אַט אַזוי טרינקט דער קייסער טהיי.

II

רבותי, רבותי, חכמים אַהז אַ ברעג!
כ'וועל אייך פרעגען, כ'וועל אייך פרעגען!

— פרעג זשע, פרעג זשע, פרעגן

ענטפערט אַלע,
אויף מיין שאלה:
ווי עסט דער קייסער בולבעס?

— בולבעס?
מע שטעלט אַוועק אַ וואַגן מיט פוטער
און אַ סאָלדאַט'ל מיט אַ האַרמאַט'ל
שיסט דורך די פוטער מיט אַ הייסער בולבע
און טרעפט דעם קייסער גלייך אין מויל אַריין,
אוי, אַט אַזוי, אוי, אַט אַזוי,
אַט אַזוי עסט דער קייסער בולבעס.

III

רבותי, רבותי, חכמים אַהן אַ ברעג!
כ'וועל אייך פרעגען, כ'וועל אייך פרעגען!

— פרעג זשע, פרעג זשע, פרעגן

ענטפערט אלע,
אויף מיין שאלה:
ווי שלאָפט דער קייסער ביינאַכט?
— ווי ער שלאָפט?
מען שיט אָן אַ פולען חדר מיט פעדער'ן
און מע שליידערט אַריין אַהינצעצו דעם קייסער

און דריי ראָטעס סאָלדאַטען שטעהען און שרייען:
שאַ!! שאַ!! שאַ!!
אוי, אַט אַזוי, אוי, אַט אַזוי,
אַט אַזוי שלאָפט דער קייסער ביינאַכט!

אברהמעלע מְלַמֵד.



1.

אַברהם'עלע מלמד!
אַברהם'עלע מלמד!
אַברהם'עלע מלמד!
אַברהם'עלע מלמד!
אַברהם'עלע מלמד!
אַברהם'עלע מלמד!
אַברהם'עלע מלמד!

בּיי וועמען האָט מען פסח צום ערשטען סדר געפונען
אַ גערשט אין די קניידלאך?

—בײַ אברהם'על מלמד!

אברהם'על מלמד!
אברהם'על מלמד!
אברהם'על מלמד!
אברהם'על מלמד!
אברהם'על מלמד!
אברהם'על מלמד!

II

בײַ װעמען האָט שבועות די קאַץ אויסגעלעקט די פּוטער און ער איז געבליבּע' אָהן בלינצעס?

— בײַ אַברהם'על מלמד!

אברהם'על מלמד א. אַ. װ.

III

דער איז ראָש־השנה געגאַנגען פאַר מוסף אין מקוה און האָט פערשפּעטיגט די תקיעות?

— אברהם'על מלמד!

אברהם'על מלמד א. אַ. װ.

IV

בײַ װעמען איז ערב יום־כּפּור גע'פּגר'ט דער װײַסער האָהן און ער איז געבליבען אָהן אַ כּפּרה?

— בײַ אברהם'על מלמד!

אברהם'לע מלמד א. א. װ.

V

בײַ װעמען איז סוכּות אַראָפּגעפאַלען איז שוהל דער אתרוג און ס'האָט זיך אָבגעבראָכען דער פּיטום?

בײַ אברהם'לע מלמד!

אברהם'לע מלמד א. ז. װ.

אבטיילונג V

אידיש און גוי'איש

אַבראַמליֶענקאָ נאָש.



אבראמל'ענקאָ נאָש,
אבראמשענקאָ נאָש,
פראדיאדקאָ טי נאָש.
פראָש טי באָגא זא נאָס,
פראָש טי באָגא זא נאָס.
פראָש טי באָגא זא נאָס.

אַבי נ ס וויקופיל
אויס דעם גלות וויראָוואדזיל
לארצנו זאפראָוואדזיל.
לארצנו נאש, לארצנו נאש.

II

יצחק'ליענקא נאש,
יצחק'שענקא נאש
דיאדקא טי נאש

פראָש טי באָגא זא נאס,

פראָש טי באָגאַ זאַ נאַס,
פראָש טי באָגאַ זאַ נאַס·

אַבי נאַס ווּיקופּיל ז. ט. ה.

III

יעקבֿ'ליענקאָ נאַש,
יעקבֿ'שענקאָ נאַש,
אָיטשולקו טי נאַש.
פראָש טי באָגאַ זאַ נאַס,
פראָש טי באָגאַ זאַ נאַס,
פראָש טי באָגאַ זאַ נאַס.

אַבי נאַס ווּיקופּיל א. ט. ה.

IV

עשָו ניע ליענקאָ נאַש,
עשָו ניע שענקאָ נאַש,
עשָו ניע שענקאָ נאַש·
ניע פראָש באָגאַ זאַ נאַס,
ניע פראָש באָגאַ זאַ נאַס,
ניע פראָש באָגא זאַ נאַס.

אַבי נאַס ווּיקופּיל א. ט. ה.

סטרעדאיו.



סטרעדאיו, סטרעדאַיו. (ביס)
סטרעדאיו, סט־עדאַיו, סטרע־ראַיו,
וו'טשווזשים קראַיו.
וו'טשעוזשים קראַיו כליעבאַ פראָסיט! (ביס)
יאַק נימאַ טשעם קופיטי.

אבראַמוניו, אבראַמוניו, (ביס
אבראַמוניו, אבראַמוניו, אבראַמוניו,
פראַדיעדושקאַ טי נאַש.
טשעם טי ניע פראָסיש באָגאַ זאַ נאַס? (ביס

טשאַס דאַ דאַמו טשאַס!
זיב נאַס וויקופיטי,



לאַרצנו פראָוואַדיטש,
לאַרצנו פראָוואַדיטש,
בית המקדש יבוּ יטש
לאַרצנו נאָשו!

II

סטרעדאַיו א. אַ. וו.
יצחק'וניו א. אַ. וו.
בזראַנעק טי נאָש.
טשעם טי ניע פראָסיש א. ז. וו.

III

סטרעדאַיו א. אַ. וו.
יאַקובוניו א. אַ. וו.
פּאַסטושעק טי נאָש.
טשעם טי ניע פראָסיש א. ז. וו.

א פּאַסטאַכ'ל.

Recitatiwo a la pastorale. (פּאַסטאָראַל)



1

אז גאָט וויל אָנשיקען אויף אַ פּאַסטוך אַ צרה,
פאַרבלאָנדזעט ער איהם דאָס איינאיינציגע שעפּעלע

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי!



בידא בידו,

נימאַ נישטאַ,

אַ יאַק זשע יאַ בידני דאַ דאַמו דאַ זשאַני

בעז אָוצי פרידו.

II

געהט ער, זעהט ער אַ וואָגען מיט שמײַנדעלאַך

האָט ער געמייט אז דאָס איז פון שעפעלע די ביינ־
דעלאַך.

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי!

בידאַ, בידו א. א. ו.

III

געהט ער, זעהט ער פוּן דע־ווייטענס
אַ יונגעטשקער כויער׳ל געהט, איז מען רופט איהם
הריציו.

שרייט ער:
— הריציו, הריציו, הריציו!
— טשעהאָ?
— טשי טי ני באַטשיוו מאָיו אָוויעטשענקו?
— יאַקויו?
— נאַ לעבו ריזשענקו, פּיד באָראָדעק סטריזשענקו.
— אַ כוואָסטיק?
— בעלינקי.
— ני ני באַטשיוו.

בידאַ בידו א. א. ו.

IV

געהט ער, זעהט ער פוּן דערווייטענס אַנ׳אַלטיטשקער
פּויער׳ל געהט

און מען רופט איהם הריציו.
שרייט ער:
— הריציו, הריציו, הריציו!
— טשעהאָ?

— טשי מי ני באַטשיוו מאָיו אָוויעטשענקו?

— יאַקיוו?

— נאַ לעבו ריזשענקו, פיד באָראָדעק סטריזשענקו.

— אַ כוואָסטיק?

— קוצענקי!

— באַטשיוו, באַטשיוו!

— ני בידאַ, ני בידו,

דאָס שעפעלע איז דאָ.

אַ יאַק זשע יאַ וועכאָלי?

דאָ דאָמו דאָ זשאָני ז'אָווצי פרידו.

פּאָ טים באָצי דונאַיו.



פּאָ טים באָצי דונאַיו,
ני דאַלעקאָ וויד קראַיו,
פּאָטופּאַיו, פּאָטופּאַיו.

ויראה ריוונינו עד ערב.

קריטשיט קאָזאק: ראַטויטע,
ראַטוי מענע מאַטושקאַ,
פּאָגיבאַיו, פּאָגיבאַיו.

ויראה פדיוננו עד ערב.

נימאַ וועסלאַ אי טשעלנאַ,
אומיראַט פּרישלאַ פּאָרא,
פּאַטופּאַיו, פּאַטופּאַיו.

רויז, רויז, ווי ווייט ביזטו?



דער רימאַנאָווער רבי איז אַרויסגעגאַנגען פֿרײַטאָג פֿאַר נאַכט פֿעלד אַרײַן האָט ער געהערט אַ פּאַסטוך זינגען אַ ליד: „רוזשאַ, רוזש יאַק טי דאַלעקאָ" האָט ער געזאָגט, אַז מען קאָן נישט וויסן, וואָס פֿער־ א סודות עס שטעקט אין דעם דאָזיגן ניגון און אויף מאָרגן צו שלש־סעודות האָט ער געזונגען דעם זעלבן ניגון מיט די ווערטער:

I

רויז, רויז, ווי ווייט ביזטו?
וואַלד, וואַלד, ווי גרויס ביזטו?
וואָלט די רויז נישט אַזוי ווייט געוועזן
וואָלט דער וואַלד נישט אַזוי גרויס געוועזן.

II

שכינה, שכינה, ווי ווייט ביזטו?
גלות, גלות, ווי לאַנג ביזטו?
וואָלט די שכינה נישט אַזוי ווייט געוועזן,
וואָלט דער גלות נישט אַזוי לאַנג געוועזן.

דאָס ליד האָט איבערגעהאַלט מיט ווערטער און אָהן ווערטער צהן אַ סוף.

מאַטקאַ קאַזאַלאַ, אָזשעכּוו אורוואַטש.



מ טקאַ קאַזאַלאַ, קאַזאַלאַ, קאַזאַלאַ,
אָזשעכּוו אורוואַטש; (ביס)
נאַק וויסאָקע דזשעוויצקי,
יאַק ניזקע כלאָפּאַצקי,
ייע מאָגאָן דאָסטאַטש. (ביס)

די מאמע האָט געהייסען, געהייסען, געהייסען,
די ניסעלאך רייסען; (ביס)
אוי, ווי הויך זענען די בוימעלאך,
אוי, ווי קליין זענען די אידעלאך,
זיי קאָנען נישט דערגרייכען. (ביס)

וו'מעסטעטשקאָ ליאדי.



וו'מעסטעטשקאָ ליאַדי,
מאָהיליעווסקאי הובערני, } ופיר מאָל
דוכאָוונאָמו ראַבינו שנייערסאָנו.

אָ וואַי בראַטצע, צאָ טאָ יום זה זנאַטשי?



I

אָ וואַי בראַטציע,
צאָ טאָ יום זה זנאַטשי?
— יום זה זנאַטשי
ניע אינאַטשיי:
טען דזיען יעסט וויעגטי,
באָ אָן יעסט באָזקאָ שויענטי,
באָ טאָ טאַק פאַן בוג כציאַל,
זשעבי צלאָוויעק אָטפאָטשינעק מיאַל.

II

אָ וואַי בראַטציע,
זאָ טאָ ששת זנאַטשי?
— ששת זנאַטשי
ניע אינאַטשיי:
שעסטש דני נא ראָבאָטי,
שיודמי דזיען שויענטאָ סובאָטי,

ניע וואָלנאָ ראַביִטש זשאַדניי ראָבאָטי·
באָ טא טאַק פּאַן בוג כציאַל,
זשעבי צליאָוויעק אָדפּאָטשיִנעק מיאַל·

III

אָ וואי בראַטציע,
צאָ טאָ אוכל זנאַטשי?
— זיכל זנאַטשי
ניע איִנאַטשיי:
ריבי סענדאַקי, נאַילעפּשע סמאַקי,
דאָברע פּיִטציע, דאברע יעדזעניע,
ביאַלאַ כוסטעטשקע וו׳קעשעניע.
באָ טאָ טאַק פּאַן בוג כציאַל,
זשעבי צליאָוויעק אָדפּאָטשיִנעק מיאַל.

די ווידוי פון ר׳ מאיר פראַמישליאַנער.



טשאַס דאָ דאָמו טשאַס. (פיער מאָל)
שאָ יאַ נודע אטוויעטשאַטי,
יאַק פאַן=בוג בודע מענע פיטאַטי:
טילקאָ וורעמיאַ זאַבאַווליאַטי,
טאַי ניטשאָהאָ ני זאַראָבליאַטי:
אַ טשאַס דאָ דאָמו טשאַס!..

טשאַס דאָ דאָמו טשאַס. (פיער מאָל)
אָי, שאָ יאַ בודע אָטוויעטשאַטי,
יאַק דין וחשבון טרעבאַ בודע אָטדאַוואַטי,
אַ טאַם ני מאָזשנאַ בריכאַטי!
אַ כאַבאַראַ ני מאָזשנאַ דאַוואַטי,
טילקאָ פראַוודאַ סקאַזאַטי.
אָי, טשאַס דאָ דאָמו טשאַס!..

פיוו יאַ אונדיליו.



1

פיוו יאַ או נידיליו,
אי פּראָפּיוו יאַ סוואו קאָבילו.
טרעבאַ זנאַטי,
יאַק הוליאַטי,
באָ פרידעטסיאַ אומיראַטי,
חשבון צדק אָטדאוואַטי.

אַ מי פיאָם טאַי הוליאַעם,
מיר טרינקען בראָנפען אַזוי ווי מים,
ואתה תשמע מן השמים.
פיימו קומאָ, פיימו טוט,
באָ נאַ טאם טים סוויטי ני די דו,
— טשי דאַדוט, טשי ני דאַדוט,
לוטשע קומאָ וויפּיעם טוט!..

II

פי יאַ או פאַנידילאָק,
אי פראָפּיוו יאַ וויעס זאַסיוואָק.
טרעבאַ זנאַטי
יאַק הוליאַטי א. אַ. וו.

III

פיוו יאַ או ווטאָראָק,
אי פּראָיוו יאַ וואָלאָוו סאָ־אָק.
טרעבאַ זנאַטי,
יאַק הוליאַטי א. אַ. וו.

IV

פיוו יאַ או סערעדו,
אי פראָפּיוו יאַ סוואו טשערעדו.
טרעבאַ זנאַטי
יאַק הוליאַטי א. אַ. וו.

V

פיוו יאַ או טשעטווערג,
אי אָסטאַווסיאַ יאַק טעפּער.
טרעבאַ זנאַטי
יאַק הוליאַטי א. אַ. וו.

VI

פיוו יאַ או פיאַטניצו,
אי פראָפּיוו יאַ ווסיו קראַמניצו.
טרעבאַ זנאַטי
יאַק הוליאַטי א. א. וו.

VII

פיוו יאַ ו סובאָטו,
אי פראָפּיוו יאַ ווסיו ראַבאָטו.
טרעבאַ זנאַטי,
יאַק הוליאַטי א. א. וו.

הוליאַוו יאַ או נידיליו.



הוליאַוו יאַ או נידיליו,
פראָפיוו יאַ סוואו קאָבילו.
טרעבאַ זנאַטי
יאַק הולאַטי,
ז'נאַשים פאַנעם באָגאָם
ני זשאַרטאָוואַטי.
באָ נאַם טרעבאַ חשבון צדק אָטדאַוואַטי,
אַ מי פיאָם טאַי הולאַיעם,
ואתה תשמע מן השמים.

II

הוליאַוו יאַ או פּאָנידילאָק,
פּראָוויפּ יאַ וויעס זאסיוואָק.
טרעבאַ זנאַטי א. אַ. וו.

III

הוליאַוו יאַ או ווטאָראָק,
פּראָפּיוו יאַ וואָלאָוו סאָראָק.
ט עבאַ זנאַטי א. א. וו.

IV

הוליאַוו יאַ או סערעדו,
פּראָפּיוו יאַ ווסיו טשערעדו,
טרעבאַ זנאַטי א. אַ. וו.

V

הוליאַוו יאַ או טשעטווערג,
אי אסטאַווסיאַ יאַק טעפּער.
טרעבאַ זנאַטי א. אַ. וו.

VI

הוליאַוו יאַ או פּיאַטניצו,
פּראָפּיוו יאַ ווסיו קראמניצו.
טרעבאַ זנאַטי א. אַ. וו.

VII

הולי וו יאַ או סובאָטו,
פּראָפּיוו יא ווסיו ראַבאָטו.
טרעבאַ זנאַטי א. א. וו.

נאשא יעווריסקאיא סלושבא, טשערנאבעלסקאיא!



אטצא וו'דאמו פאקינו, פאקינו.
טאי דא טשערנאבעל פאיעדו, פאיעדו.
וואט כאראשא, וואט סלאוונא.
עי, נאשא יעווריסקאיא סלוושבא טשערנאבעלסקאיא.
או כא כא!

מאטי וו'דאמו פאקינו א. א. וו.
בראטא וו'דאמו פאקינו א. א. וו.
סעסטרו וו'דאמו פאקינו א. א. וו.
זשינקו וו'דאמו פאקינו א. א וו
דיעטי וו'דאמו פאקינו א. א. וו.

אין וואהלין זינגען דאס די טשירנאבאליער חסידים נאכן אלף בית און פאסען שיין צו אליין ווערטער למשל: אלף אטצא ודאמו פאקינו, בית — בראטא, גימל — גברת, דלת — דיאטקא א. א. וו.

ציא טוט קראַוויעץ מעשקאַ?



I

— רבי ניו!

— וואס מיין קינד?

— דאָ איז געווען אַ שייגעץ.

— אַ שייגעץ? וואָס האָט דער שייגעץ געזאָגט?

— דער שייגעץ האָט געזאָגט: ציא.

— „ציא“? אוי, „ציא“ איז אַ הייליגער וואָרט,

„ציא“ איז בגימטריאָ קוף אלף.

מען דאַרף לערנען די תורה קוף אלף פעמים,

און דאָס איז געווען אַ מלאך.

II

— רביניו!

— וואָס מיין קינד א. א. וו.

— דער שייגעץ האָט געזאָגט: „טוט"!
— אי „טוט"? „טוט" איז א היילִיגער וואָרט,
„טוט" מאַכט טלית און תּפילין,
„צ"א", איז בגימטריא קוף אלף.
מען דאַרף לערנען די תּורה קוף אלף פּעמים,
און דאָס איז געווען א מלאך!..

III

— רביניו!
— וואָס מיין קינד? א. א. ו.
— דער שייגעץ האָט געזאָגט: „קראַוועץ".
— „קראַוועץ"? אוי, קראַוועץ איז א הייליגער וואָרט.
„קראַוועץ" מאַכט קול רינה וישועה, באהלי צדיקים,
„טוט" מאַכט: טלית און תּפילין,
„ציא" איז בגימטריא קוף אלף.
מען דאַרף לערנען די תּורה קוף אלף פּעמים,
און דאָס איז געווען א מלאך!..

IV

— רביניו!
— וואָס מיין קינד? א. א. ו.
— דער שייגעץ האָט געזאָגט: „מעשקא"!
— אוי, „מעשקא?", „מעשקא" איז א הייליגער וואָרט
„מעש א" מיינט מען משקה,
מען דאַרף נעמען א ביסעלע משקה,
„קראַוועץ" מאַכט: קול רינה וישועה באהלי צדיקים,
„טוט" מאַכט: טלית און תּפילין,
„ציא" איז בגימטריא קוף אלף.
מען דאַרף לערנען די תּורה קוף אלף פּעמים,
און דאָס איז געווען א מלאך!..

דער אַדרעס צום ליאַדיער רבין.



וו'מיעסטעטשקאָ ליאַדיניו, —

אַ פּיטעלע.

מאָהילעווסקאי הובערניו, —

א פּינטעלע.
דוכאָוונאָמו ראַבּינו שנייערסאָנו —
א פּינטעלע.

על כּן שרייב איך דיר הייליגער רבּיניו,
אז די פּרנסה איז ביי מיר נישט אַי אַי אי אַי אי אַי אַי,
און די ווייב איז בּכּלל הבּריאות אויך נישט אַזוי
אַי אַי אי אַי אַי אַי.
און דו בּיזט דאָך דער גרויסער אי אַי אַי אי אַי אַי,
טאָ העלף זשע מיר!

ה'מעסטעטשקאָ ליאַדיניו,
מאָהילעווסקאָי הובערניו,
דוכאָוונאָמו ראַבּינו
שנייערסאָנו!

בּיס

דָאנדרנָא-אָטקראַי מניע דווערו



I

דָאנְדַרנָא,
אָטקראַי מניע דווערו!
אִיבּאָ מניע הארילקו טרעבּאָ,
אָ יאָ טעבע פּרינֶעסו נאָ פּראַזניק,
בּעלאהא פּעטוכאָ, נאָ פּראַזניק.

חוה׳ניו, ליובעניו
הער נאָר אויס
וואָס דער ערל דבּר׳ט אויס,
ער זאָגט ער וועט דיר ברענגען
אָ הוהן אויף כּפּרות.
— אָ כּפּרה זאָלסטו ווערען
מיט טראָכימען צוזאמען!

II

דאָנְדַרנָא,
אָטקראַי מניע דווערו!

איבאַ מניע האָריִלקו טרעבאַ.
אַ יאַ טעבע פּרינעסו נאַ פּראַזניק,
זשולטאַהאַ וואסקו נאַ פּראַזניק.

חוה'ניו, ליובעניו!
הער נאָר אויס
וואָס דער ערל דבר'ט אויס.
ער זאָגט ער וועט דיר ברענגען
געלען וואקס אויף ליכט.
— אוי, ליכט זאָל מען נאָך דיר צינדען
מיט טראָכימען צוזאמען!

III

דאַנדרנאַ,
אָטקראַי מניע דווערו!
איבאָ מ יע האָרילקו טרעבאַ.
אַ יאַ טעבע פּרינעסו נאַ פּראַזניק,
בעלאָהאַ פּאָלאָטנאָ נאַ פּראַזניק.

חוה'ניו, ליובעניו!
הער נאָר אויס,
וואָס דער ערל דבר'ט אויס.
ער זאָגט, ער וועט דיר ברענגען
לייווענט אויף יום טוב.
— אוי, תכריכים זאָל מען דיר נעהען
מיט טראָכימען צוזאמען.

אמר ד׳ ליעקב, ניע באָיוס ניקאָווא!



I

אָמר ד׳ ליעקב, יאָ, טאטע, יאָ!
האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט: אל תירא עבדי יעקב.
ניע באָיוס ניקאָווא!
ניע קאָווא ניע באָיוס
ניע ווירעו ניקאָמו
טאָלקאָ באָהו אדנאמו.

II

בחר ד׳ ביעקב, יאָ, טאטע, יאָ!
האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט: אל תירא עבדי יעקב.
ניע באָיוס ניקאָווא. א. א. וו.

III

גאל ד׳ את יעקב א. א. וו.

קוּדי יידיש?..



I.

אוֹי, יידיש,
קוּדי יידיש?
זאטשעם יידיש?
יידיש, יידיש, יידיש,
יידיש, יידיש, יידיש.

און אַז מען טראכט —
טראכט מען יידיש.
און אַז מען רעדט —
רעדט מען יידיש.
יידיש, יידיש, יידיש,
יידיש, יידיש, יידיש.

II

יאַק יידיש —
טאָ פּאָיידיש.
יאַק יידיש —
טאָ דאָיידיש.
יידיש, יידיש, יידיש,
יידיש, יידיש, יידיש.

יאַק ני יידיש
טאָ ני פאָיידיש;
יאַק ני יידיש
טאָ ני דאָיידיש.
יידיש, יידיש, יידיש,
יידיש, יידיש, יידיש.

און אזוי ווייטער זינגט מען דאָס מיט אייגענע ווערטער למשל;

און אז מען עסט —
עסט מען יידיש.
און אז מען זינגט —
זינגט מען יידיש.

דער היוצא לנו, אז וואָס א ייד טהוט, דאַרף זיין יידיש.

דער וויץ פון לידל איז, וואָס דאָס וואָרט „יידיש" טייטשט זיך אויס אויף אוקראַיניש „פאָהרען" און אויף יידיש איז דאָס אידיש — אידישלאך...

אַבּטײלוּנג VI

גאַס= און גנבים־לידער.

וואס ביזטו קאַטינקע באַרוגעז.?



I

וואָס ביזטו קאַטינקע באַרוגז,
וואָס געהסטו אַראָבגעלאָזט די נאָז?
אוי, אפשר ווילסטו וויסען מיין יחוס
און פון וואָנען און פון וואָס.

II

מיין טאַטע איז אַ שמאָרעוואָזניק,
די מאַמע גנב'עט פיש אין מאַרק;
און דער ברודער איז אַ קאַרטאָזשניק,
און די שוועסטער... טי די די די די די דאָם...

III

דער פעטער איז געשטאַנען אין די ראַגעז,
די מומע — אַ הענדלערקע אין גאַס;
און דער ברודער זיצט אין די אָסטראָגען,
און די שוועסטער... טי די די די די די דאָם...

IV

דער זיידע איז געווען אַ שוחט,

די באָבע—אַ טוקערען אין באָד
און זאַליין בין איך אַ ממזר,
און געגומען בין איך פון פריוט...

פֿליה זשע מיין פֿויגאַלדע.



I

פֿליה זשע מיין פֿייגאַלע, העכער פֿון אלע,
גיב אָב אַ גרוס מיין ליבע כּלה.
אוי, כ׳וועל שוין מעהר נישט גנב׳ענען,
גנב׳ענען, גנב׳ענען, גנב׳ענען;
כ׳וועל שוין מעהר נישט גנב׳ענען,
נאָר דאָס מאָל און נאָך אַ מאָל.

II

פֿליה זשע מיין פֿויגאַלע, העכער מאָוער,
גיב אָב אַ גרוס מיין ליבען חבר.
אוי, כ׳וועל שוין מעהר נישט א. א. ו.

III

פֿליה זשע מיין פֿויגאַלע, העכער און העכער,
דער ערשטער פּאַטשין — אַ גאָלדענער בּעכער.
אוי, כ׳וועל שוין מעהר נישט א. א. ו.

IV

רבונו של עולם, דו העלף מיר אַ שטייגער,

דעם צווייטע פּאָטשײַ—אַ גאָלדענעם זייגער.
אוי, כ'וועל שוין מעהר נישט א. אַ. וו.

V

רבונו של עולם, מאַך מיך נישט צום נאַר,
דעם דריטען פּאָטש׳ין — אַ נאַקלאַדנעם סאַמאָוואַר.
אוי, כ'וועל שוין מעהר נישט א. אַ. יו.

VI

רבונו של עולם, דו ביזט דאָך אַ גוטער,
העלף מיר פּאָטשאַפּיען אַ פייענעם פוטער.
אוי, כ'וועל שוין מעהר נישט א. אַ. וו.

VII

רבונו של עולם, האָב אויף מיר רחמנות,
און שיק מיך נישט אָן צו אָרימע אלמנות.
אוי, כ'וועל שוין מעהר נישט גנב'ענען א. אַ. וו.

די בוימעלאך זיי בליהען.



I

די בוימעלאך זיי בליהען,
די פויגעלאך זיי פליהען;
די קייטעלעך זיי קלינגען אויף מיינע פיס,
אוי, וועה איז מיר.

(ביס)

III

זיצען זיץ איך מיר אין טורמע,
און קוק ארויס פון די קראטען;
דער זומער, דער ליבער, קומט אן,
אוי, וועה איז מיר.

(ביס)

III

איך שטעה מיר ביי דער טהיר,
און באטראכט דעם ארעסטא־סטקען מונדיר;
מיין מונדיר איז פון סערוו׳שען געוואנט,
אוי, וועה איז מיר.

(ביס)

IV

אוי, ליגעו, ליג איך אויף דער נארע
מיט מיינע ביינדעלאך די דארע;
צווי כונט ברויט מיט וואסער א טאג,
אוי, וועה איז מיר.
(ביס)

V

מיין ווייב מיט מיינע קינדער,
לויפען אויף מיינע בייז-ווינדער;
צו אנקוקען דעם אייגענעם ארעסטאנט,
אוי, וועה איז מיר.
(ביס)

VI

כ'האב מיר קיינמאל נישט געהאלט גלויבען,
אויף מיין ג נצען לעבען,
אז מיין נאמען זאל הייסען ארעסטאנט,
אוי, וועה איז מיר.
(ביס)

נאָר נעמען באַגראַנדע.



I

כ׳בין געווען אַ קליינער יאַט,
האָב איך נישט געוואָלט פאָלגען דעם טאַטען;
היינט זיץ איך אין פּאַוויאַק
און קוק אַרויס דורך די קראַטעס.
אוי, געוואַלד, כ׳וועל נישט געבענקען } ביס
נאָר נעמען באַגראַנדע.

II

כ׳בין געווען אַ קליינער יאַט,
האָב איך נישט געוואָלט פאָלגען דער מאַמען;
היינט זיץ איך אין טורמע
און וואַלגער מיך אין די יאַמעס.
אוי, געוואַלד, כ׳וועל נישט ג. א. ה.

III

כ׳בין געווען אַ קליינער יאַט,
האָב איך נישט געוואָלט פאָלגען דעם ברידער;

היינט ז׳ץ איך אין קיטשע
און זינג מיר לידער.

אוי, געוואַלד, כ׳וועל נישט א. צ. וו.

IV

כ׳בין געווען אויף די פריי,
האָב איך געגעסען מיט זילבערנע לעפעל;
היינט ליג איך אין קרימינאַל
און עס מיר כון שעפעל...

אוי, געוואַלד, כ׳וועל נישט א. צ. וו.

V

די פויגעלאך שטעהען אויפ׳ן דאַך
און קוקען אַרונטער;
איך האָב נאָך צו זיצען
אַ זומער מיט אַ ווינטער.

אוי, געוואַלד, כ׳וועל נישט אַ. אַ. וו.

VI

כ׳בין אַרויס פון קרימינאַל
מיט אַ שעהנעם שטייגער;
ד׳ר ערשטער פּאַטשאַנטעק:
אַ גאָלדענער זייגער.

אוי, געוואַלד, כ׳וועל נישט גנב׳ענען,
נאָר נעמ׳ן באַגראַנדע. (בּיס)

וואַרשעווער קאַדעטען.



I

וואַרשעווער קאַדעטען
זיי זענען וואוילע יונגען;
זיי האָבען אויסגעקליבען אַ סופניק
ער זאָל זיי לידער זינגען.

(צוזינג אָהן ווערטער)

II

דער ערשטער פון דער באַנדע
איז יאַנקעלע דער קליינער;
דער צווייטער פון דער באַנדע
איז נחום'ל דער שעהנער.

(צוזינג)

III

דער דריטער פון דער באַנדע
איז דוד האָפּטשיקטשאַק;
דער פערטער פון דער באַנדע
איז משה קורעלאָפּ...
(צוזינג)

ווי ס׳געוואָרעו נאַכט
זיצען זיי און טראַכט,
טעמען צו באַשניפען
די היינטיגע נאַכט.
(צוזינג)

V

ווי ס׳געוואָרען טאָג
אוי, אַ יאָמער און אַ קלאָג,
אַ יאָמער און אַ בראָך —
אין פענסטער ס׳געוואָרען אַ לאָך...
(צוזינג)

VI

מ׳גיט שוין צוואַנציג רובעל
צו פערטרייבען, אוי, דאָס מעבעל;
מע גיט שוין צוואַנציג רו״כ
צו בערייבען, אוי, די זאַך...
(צוזינג)

VII

כ׳בין אַ מאַרעוויכער,
כ׳האַנדעל מיט די סקאָקען...
כ׳האָב אָבגענאַרט דעם ספּראַווניק
און אַנטלאָפען אין די זאַקען.
(צוזינג)

VIII

און אז מע קען נישט גנבנ'ען
נעמט מען זיך נישט אונטער;
און אַז מע קומט איז קיטשע
קרענקט מען אַ גאַנצען ווינטער.

(צוזינג)

אינהאַלט פערצייכנונג.

ערשטע אָבטיילונג.

ליבע=לידער.

		זייט
1.	אויף דער זאוואדזקע. (אויפגענומען ביי אפרים קאַגאַנאָיסקי.)	5
2.	אין דרויסען מאַמעליו האָט זיך פערכמאַרעט. (אויפגענומען ביי שלמה האָכבערג, סאָקאָלאָוו.)	6
3.	אוי, וועה, ווער סי זאָגט. (אויפגענומען ביי אפרים קאַגאַנאָווסקי.)	7
4.	הושענא רבה אויף דער גאַנצער וועלט. (אויפגענומען ביי אפרים קאַגאַנאָווסקי.)	9
5.	זיץ איך מיר אויפ'ן בענקעלע. (אויפגענומעןביים אַרטיסט פּשעלעוויטש.)	11
6.	וואו ביזטו געוועזן. (אויפגענומען ביי ז. סעגאַלאָוויטש.)	12
7.	מאַמע, מאַמע, מאַמע. (אויפגענומען ביי י. אַפּעלבוים, ראַדזין.)	14
8.	ביזטו מיט מיר ברוגז. (אויפגענומען ביי דניאל לייבעל.)	15
9.	ער זעצט זיך אַנידער. (אויפגענומען ביי ה. ד. נאָמבערג.)	17
10.	אונזער ליבע איז געשלאָסען געוואָרען. (אויפגענומען ביי ה. ד. נאָמבערג.)	18
11.*	ביי אַ טייכאַלע. (אויפגענומען אין ביאַליסטאָק.)	20

זייט

12. זאָלסט נישט גען מיט קיין פּאַטשייאווער מיידלאַך. 21
(אויפגענומען ביי דורה אייזענבערג, ווארשא.)

13. אוי, וועה, טאַכטער, ס'איז שוין צען אַ זייגער. 23
(אויפגענומען ביי אפרים קאַגאַנאָווסקי.)

14. לאָמיר ביידע אַ ליבע פיהרען. 24
(אויפגענומען ביי הערש ליב שטערן, ציעכאַנאָוו.)

צווייטע אָבטיילונג.

לידער פון לעבען.

15. רעגענ'דעל. 29
(אויפגענומען ביי לצה ליאָה.)

16. אַמאָל איז געווען אַ אידעלע. 31
(אויפגענומען ביי א. איינהאָרן.)

17. בעת כ'האָב אָנגעהויבען אין חדר צו געהן. 32
(אויפגענומען ביי רחל עקשטיין.)

18. בין איך מיר אַ שניידער'ל. 34
(אויפגענומען ביי ד"ר שמידט, ניו-יאָרק.)

19. בייט-זשע מיר אויס אַ פינף-און-צוואַנציגער. 36
(אויפגענומען ביים לוסטיגען פעסימיסט, לאָדז.)

20. שרה'לע, דושינקע. 38
(אויפגענומען ביי אלתר קאַציזנע.)

21. רבונו של עולם, כ'האָב צו דיר אַ טענה. 40
(אויפגענומען ביי י. מ. ווייסענבערג.)

22. ביי דעם שטעדטעל שטעהט אַ שטיבעל. 42
(אויפגענומען ביים אַרטיסט סאַמבערג, ווארשא.)

23. זיץ איך מיר אין טאַטענס גאָרטען. 44
(אויפגענומען ביי א קריסטליך מיידעל
זאָפיאַ זשאַנדקאָווסקאַ, ראַדאָם.)

דריטע אָבטיילונג

טיש- און טרינק-לידער.

24. מיר זענען ניכטער. 51
(אויפגענומען ביי י. גערשטיין, ווילנא.)

זייט

25. עפּענט רבי׳צין, חסידים געהען. 52
(אויפגעגנומען ביי א. לעווי סאָן, לאָדז.)

26. שאַ, שטיל, מאַכט נישט קיין גערודער. 54
(אויפגעגנומען ביי י. ל. וואלמאן, ווארשא.)

27. מיר זאָגען דער באַלעבאָסטע. 55
(אויפגעגנומען ביים אינזש. אָקון, ווילנא.)

28. באַלעבאָסטע זיסינקע. 57
(אויפגעגנומען ביי שלום-עליכם׳ען.)

29. די משקה. 59
(אויפגעגנומען ביי פ״ץ מאַרקיש׳ן.)

30. לכּבוד דעם הייליגען בים-באָם. 63
(אויפגעגנומען ביי אַלעקסאַנדער פאַרבאָ, ווארשא.)

31. גבאי, וואָס וויל דער רבי? 65
(אויפגעגנומען ביי דוד סגל, ביאַליסטאָק.)

32. לכּבוד דעם הייליגען שבת. 67
(אויפגעגנומען ביי מ. הערשאָוויטש, ראָוונא.)

33. איין מאָל טו איך זיך בעגייען. 69
(אויפגעגנומען ביי ברוך צוקערמאַן, ניו-יאָרק.)

34. לעבען לאָסען וואָהל. 71
(אויפגעגנומען ביי א. לערמאַן, ווארשא.)

35. אַ וואָלאַכ׳ל לאָמיר זינגען. 72
(אויפגעגנומען ביי קיט, ווילנא.)

36. פון וואַנען קומט אַ איד? 73
(אויפגעגנומען ביי פאַט, ביאַליסטאָק.)

37. אי״הש ביי׳ם רבי׳ן. 75
(אויפגעגנומען ביי י. טרונק, לאָדז.)

38. אַז מען נעמט די ערשטע כּוס׳ע 76
(אויפגעגנומען ביים ד״ר ל. לעווינסאָן, ציעכאָצינעק.)

39. אלו ואלו צועקים בקול. 79
(אויפגעגנומען ביי שמואל ציעפעליעוויטש, ריגא.)

פערטע אָבטיילונג.

הומאָריסטישע לידער.

40. לאָמיר זשע זינגען אַ זמר׳ל. 85
(אויפגעגנומען ביי ר. קאָלאדני, פינסק.)

זייט

41. ווען די וואָלסט געווען דער בורא עולם 87
(אויפגענומען ביי ש. שקלאָווסקי, קאָוונא.)

42. וואָס וועט זיין מיט דעם רבי'ן דעם פרומען? 89
(אויפגענומען ביי בעלערינא רובנליכט, ווארשא.)

43. ציג-ציגע-צאַפּל. 91
(אויפגענומען ביי ל. קערמאַן, בריסק.)

44. און אַז דער רבי אלימלך. 94
(אויפגענומען ביי א. אלבעק, ביאַליסטאָק.)

45. דאָס קליין מלמד'ל. 97
(אויפגענומען ביי פרל. העלא איש, ווארשא.)

46. אונטער אַ קליין בוימעלע. 100
(אויפגענומען ביי י. גערשטיין, ווילנא.)

47. נחום'קע מיין זוהן. 102
(אויפגענומען ביי אברהם דראָזדיק, פשעמישל.)

48. פון מאָנטאָג אין דער פריה ביז פרייטאָג פאַר נאַכט. 104
(אויפגענומען ביי רחל באָקשטיין.)

49. ניין, מאַמע, ניין, מוטער. 106
(אויפגענומען ביי בערל לאָקער.)

50. דאָס קאָזשעניצער שניידער'ל. 110
(אויפגענומען ביי אברהם היידעלזאָלץ.)

51. מיט אַ נאָדעל און אָהן אַ נאָדעל. 112
(אויפגענומען ביי ד"ר שמידט, ניו-יאָרק.)

52. דער סאַמאָוואַר. 114
(אויפגענומען ביי יצחק קאַצענעלסאָן, לאָדז.)

53. 1) אַלף — אַנ'אָדלער. 115
(אויפגענומען ביי יעקב דינעזאָן.)

54. 2) אַלף — אַנ'אָדלער. 117
(אויפגענומען ביי קאַרפּינאָוויטש, ווילנא.)

55. אַלף — אינדיקעס. 119
(אויפגענומען ביי אַ. ליטוואַק, ווילנא.)

56. שלום עליכם. 120
(אויפגענומען ביי דוד איינהאָרן.)

57. ווי אַזוי לעבט אַ קייסער? 123
(אויפגענומען ביי משה בראָדערזאָן, לאָדז.)

58. אברהם'עלע מלמד. 126
(אויפגענומען ביי ש. סלוצקי, קאָוונא.)

פינפטע אָבטיילונג.

אידיש און גוי'איש

זייט:

59. אבראמלענקא נאַש! 131
(אויפגענומען ביי י. גרויבארד, בענדין.)

60. סטרעדאַיו. 133
(אויפגענומען ביי ש. שיינמאַן, לוצק.)

61. אַ פּאַסטוכ'ל 135
(אויפגענומען ביי משה בראָדערזאָן, לאָדז.)

62. פּאָ טים באָצי דונאַיו. 139
(אויפגענומען ביי א. ליכטענשטיין, זשיטאָמיר.)

63. רויז, רויז, ווי וויט ביזטו? 140
(אויפגענומען ביי דניאל לייבעל.)

64. מאַטקאַ קאַזאַלאַ. 141
(אויפגענומען ביי הערץ פישמאַן, ווארשא.)

65. וו'מעסטעטשקאָ ליאַדי. 142
(אויפגענומען ביי פּוגאַטשאָוו, ווארשא.)

66. אָ, וויי, בראַטצי. 143
(אויפגענומען ביי רחל באָקשטיין, ווארשא.)

67. דער וידוי פון ר' מאיר פּראָמישליאַנער. 145
(אויפגענומען ביי פסח קיפּניס, אושאָמיר, אוקראַינא.)

68. פּיוו יאַ אוּ נידיליו. 146
(אויפגענומען ביי ישראל שטערן, ווארשא.)

69. הוליאַוו יאַ אוּ נידילו. 149
(אויפגענומען ביי ישראל שטערן, ווארשא.)

70. נאַשאַ יעווריעיסקאַיאַ סלוזשבאַ טשערנאָבעלסקאַיאַ. 151
(אויפגענומען ביי חיים ישראליק, אושיצא, אוקראַינא.)

71. ציא טוט קראַוויעץ מיעשקאַ? 152
(אויפגענומען ביי ב. יאַנאָווסקי, ווילנא.)

72. דער אַדרעס צום ליאַדער רבי. 154
(אויפגענומען בי'ם ארט־סט וו. גאָדיק.)

73. דאַנדאַרנאָ, אָטקראָי מעניע דווערו. 156
(אויפגענומען ביי פ. העלמאַן, בערדיטשעוו.)

זייט:

74. אָמר ד׳ ליעקב – ניע באָיוס ניקאָוואָ. 158
(אויפגענומען ביי ח״ים ישראליק פערלמאן, אוזיצא.)

75. קודי יידיש? 159
(אויפגענומען ביי ש. שרייער, אָסטראָה.)

עקסטע אָבטיילונג.

גאַס= און גנבים=לידער.

76. וואָס ביזטו, קאָטינקע, באַרוגז? 163
(אויפגענומען ביי יצחק קאַצענעלסאָן, לאָדז.)

77. פליה=זשע מיין פויגאַלע. 165
(אויפגענומען ביי משה בראָדערזאָן, לאָדז.)

78. די בוימעלאך זיי בליהען. 167
(אויפגענומען ביי ש. לעהמאן, ווארשא.)

79. אַבי נעמען באַגראַנדע. 169
(אויפגענומען ביי ש. לעהמאן, ווארשא.)

80. וואַרשאווער קאדעטען. 171
(אויפגענומען ביי ש. לעהמאן, ווארשא.)